STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02324

MADAM BABETA

Giovanni Boccaccio

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פרייז 10 סענט.

מאדאם באבעטא

בעארבייטעט נאך

באקאטשיא,

— פון —

ד. מ. הערמאלין.

היברו פאבלישינג קאמפאני.
83־85־87 קאנאל סט., ניו־יארק.

HEBREW PUBLISHING COMPANY,
83-85 Canal Street, New York.

CIRCULATION LIBRARY OF THE WOLKOVISKER YOUNG MEN'S B. Ass'n. -1903-

אנשטאט א פאררעדע

— אָדער —

באקאטשיא.

דשיאָוואני באָקאטשיאָ, איז געבאָרען געווארען אין פלאָרענץ, איטאליען, אין יאָהר 1313 און איז געשטאָרבען אין יאָהר 1375. זיין פאטער איז געווען א קויפמאן און געגעבען זיין זוהן א גוטע ערציהונג, מיט דער אבזיכט פון איהם צו מאכען א גייסטליכען, וויא דאמאָלס איז געווען דיא מאָדע אונטער דער בעסערער קלאסע אין איטאליען.

וויא עס שיינט אבער, איז באָקאטשיא נים געווען ענטשלאָסען צו פיהרען א מאָנאכען לעבען, און ער האט זיך גענומען שרייבען פאָעזיע אין זיין פריהער יוגענד, פערנאכלעסיגענדיג דיא הייליגע ביכער פון דער קירכע.

באָקאטשיאָ האט בערייזט כמעט גאנץ איטאליען און א היבשען טהייל פון פראנקרייך. ער איז געווען א מענש מיט א מערקווירדיגער בעאָבאכטונגס-קראפט, זאָ דאס בעשרייבענדיג עפּעס, האט דאס אין זיך ענטהאלטען אלע איינצעלנהייטען וויא דאס בילד פון א קינסטלער-מאלער. באָקאטשיאָ איז געווען פון דער נאטור לעבהאפט, מונטער און געניינט צו צערטליכקייט און ליעבע. זיינע ליעבעס זיינען צאָהלרייך און זיין ערפאהרונג אין דער ליעבענדע נאטור פון פרויען איז געווען א טיכטיגער פערזענליכער שטודיום. אין דערזעלבער צייט האט ער גוט קענען געלערענט דיא גלחים פון זיין צייט און שטודירט אלע זייערע בענעהמונגען און אויפפיהרונגען.

זיין פאָעטישע און פליסענדע פעדער, פול מיט סאטירע, וויטץ, הומאָר און נאטירליכע קענטניסע, האט איינגעדרונגען איבעראל, און וואס ער האט געשילדערט האט ארויסגערופען דיא גרעסטע אינטערעסע אונטער דעם דאמאלדיגען איטאליענישען לעזער-פובליקום. ער איז געוואָרען דער פאטער פון איטאליענישער

פראזא און דער פארשטעהער פון ראמאנטישער ליטעראטור. זיין בוך „רעקאמ־ראנע"*) איז, צו דער גענענווערטיגער צייט איבערזעצט אין אלע אייראפּעאישע שפּראכען, און מאנכע רומע קערלען האבען דאס פערבאטען צו לעזען, ווייל עס ענטהאלט צופיעל וואהרהייט איבער דער מענשליכער פערדארבענער נאטור.

באקאטשיא, טראטץ דעם וואס ער ווערט בעשולדיגט אין אונמאראליטעט און אפיקורסות, ווערט אונטערדעסען בעטראכטעט, זאגאר פון דיא גאט'ס גנבים, אלס איין אונצערשטערבארע ליטערארישע זייל, און ניט נאר איין מאדערנער קלאסישער שרייבער אין ענגליש, דייטש און פראנצויזיש, האט זיך אנגעאייגנעט זיין סטיל און גענב'עט זיינע אידעען.

אט דאס איז באקאטשיא און דערפאר האבען מיר בעשלאסען מאנכע פון זיינע פערלען אריינצוברענגען אין דער אידישער ליטעראטור.

אכטונגספאלל,

ב. ראבינאוויץ.

---

*) „מארען באבעמע" איז איינע פון דיא בעסטע פון זיין „רעקאמערא־נע".

מאַדאם באָבעמא

1.

פאַטער לאָרענצא איז שוין געוועזן א מאַן פון א יאָהר זעכציג, און, אבוואָהל א געזונטער און שטאַרקער מענש, האט ער געטראָגען מיט רעכט א נאָמען אלס מאָראַליש, טראָטץ דעם וואס זיין פּראָפעסיאָן אלס קאַטאָלישער גייסטליכער, האט איהם ניט ערלויבט ער זאָל חתונה האָבען.

מאַנכע מענשען האָבען אפילו בעהויפּטעט, אז זיין יוגענד איז ניט געוועזן גאַנץ פעהלער־פרייא, דערפאַר אבער, איז מיט איהם ניט געוועזן דער פאַל וויא מיט אנדערע, אז מען זאָל קענען אָנצייגען, אז דיעזע אָדער יענע פרוי איז אמאָל געוועזן זיין מעטרעסע, און אין דיעזען אָדער אין יענעם פינדעל־הויז געפינען זיך זיינע קינדער. עס שיינט, אז פאַטער לאָרענצא האט אימער פערשטאַנען וויא זיך צו האַלטען אין געזעלשאַפט דאַמיט מען זאָל אויף איהם ניט בעדאַרפען טייטלען מיט דיא פינגער.

ווען ער האט אין זיין יוגענד ניט געקענט איבערטראָגען דיא גלוטה פון ליעבע, האט ער געזוכט צו לעשען דאס פייער אין אונבעקאַנטע פּלעצער, און ער אַליין איז אויך דאָרט ניט ערשיענען אלס גייסטליכער, זאָנדערן אלס געוואוינט־ליכער בשר ודם וואו מען שטעלט קיין פראַגען ניט. איבערהויפּט האָט ער זיך ניט פיעל בעקימערט אויב זיין ליעבע וועט טראָגען פריכטע אָדער ניט. אונטער דיזע אומשטענדען, נאַטירליך, איז עס ניט שווער אין נעאַפּעל, וועלכע איז אזא גרויסע שטאָדט, מיט פערשיעדענע מענשען צו געהן אין אזעלכע הייזער אונ־ערקענט.

יא, אין שעהנעם נעאַפּעל, וואו דיא גייסטליכקייט איז אזוי גרויס און דיא פרומקייט פון דער קאַטאָלישער רעליגיאָן פערברייטעט, קען מען זעהר לייכט אויס־געפינען אלערליי פּרויענצימער, וועלכע פרעגען ניט וואס מען איז, פון וואַנען מען איז און פון וועלכען פּלאַטץ מען קומט. אלעס וואס אזעלכע פרויענצימער ווילען

וויסען איז, דער פרייז פיר זייער ליעבע. דער יעניגער וואס בעצאָהלט דאפיר קען זיין ענטוועדער דער טייפעל אדער דיא הייליגקייט אליין, קימערט זיי נים.

מען דערצעהלט זאָגאר, אז עס האט אמאָל פאסירט, וואס איינער פון דיא גרעסטע אין דער קירכע און דערצו א וועלט־בעריהמטע פערזאָן, האט בעזוכט אין א מאָנאט צייט אלע פרייליכע הייזלעך פון נעאפעל און קיינער האט דאריבער נים געוואוסט.

אלעס וואס מען דארף טאָהן איז ארונטער צוווארפען דעם לאנגען שווארצען גייסטליכען קאפטען, אויסטהאָן דעם גארטעל, דאס רונדע היטעלע, דיא ענגע שווארצע קליידער, און אוועקליינען דעם שטעקען וואס בעצייכענט דיא עהרווירדיגע האלטונג פון א גייסטליכען. דאן ציהט מען זיך אָן אין שעהנע אייראָפעאישע קליידער. מען בעהויפטעט, אז זאָגאר דיא אייגענע פאמיליע קען נאכהער שווער דערקענען אזא איבערגעקליידעטען. עס איז איז אויך קיין וואונדער, דען דיא גייסטליבע קליידער וואס איינער טראָגט אזוי לאנג, מאכען אזא מין מערקווירדיגען איינדרוק איבער דיא בעקאנטע, אז ועהן דערזעלבען מאן אין אנדערע קליידער, קען מען פילייכט געפינען עפעס איין עהנליכקייט אין געזיכט, אָבער דיא פערזאָן ערשיינט אלס א גאנץ אנדערע.

אין זיין יוגענד האט פאטער לארענצא גאנץ גוט געוואוסט פון דיעזען סוד, און ער האט נים נאר איינמאָל — נאטירליך ביי נאכט — דורכשפאצירט נעבען זיינע נאָהענטע פריינדע און זיי האבען איהם נים אנגעהויבען צו דערקענען.

ניין, פאטער לארענצא איז נים געוועזן קיין נארר אין דיעזער בעציהונג, און ער האט פערשטאנען וויא זיך אויפצופיהרען אום נים בעליידיגט צו ווערען. עס איז זאָגאר א סברה, אז ער האט מאנכע מאל פערבראכט טעג מיט נעכט אין פרייליכע הייזלעך, אבער ער האט עס געטהאן מיט שכל. ער איז נים אוועק פון דער היים ווען ער האט בעדארפט זיין אין דער היים, און אויך נים צוריק געקעהרט ווען נייגיעריגע אויגען זאלען איהם זעהן.

ער איז געוועזן א טאקטישער מענש, ניט גערעדט וואס מען האט נים בעדארפט, און איבער איהם האט מען ווירקליך געקענט זאָגען, אז „שטיכעס וואסער גראָבט טיעף“. נאר דיא וועלט מיט אלע איהרע חכמות, אורטהיילט אימער נאך דעם וואס זיא זעהט מיט דיא אויגען. דאס וואס זיא זעהט נים, אדם קיינעם נים.

וויא לאנג דיעזע צייט פון יונגעס פאָרל־לעבען האט גענומען בייא פאָטער לארענצא איז שווער צו בעשטימען. מאנכע בעהויפטען, אז ער האט אנגעפאנגען צו זיין 16טעס יאהר און דיא גליהענדע יוגענד האט געדויערט ביז צו זיין 45טעס

אדער 50סטעס יאהר. מאנכע אנדערע געהען נאך ווייטער אין זאגען, אז ער האט אנגעפאנגען פריהער אלס 16 יאהר און האט געענדיגט מיט א 5 יאהר פריהער איידער אונזער געשיכטע פאנגט אן. אבער וואס מאכט עס אויס? ניט דאס איז דיא אבזיכט פון אונזער ערצעהלונג. מיר ווילען בלויז פיעל, אדער ווענינ עפעס פארשטעלען איבער דעם כאראקטער פון פאטער לארענצא, וועלכע וועט ביי אונז שפיעלען א ראלע, דאמיט אונזערע לעזער זאלען איבער איהם האבען א בענריף.

דער סוף מיט איהם איז געווען וויא מיט אלע מאראלישע מענשען, וועלכע ווערן ענדליך מיעד בעטרייבענדיג זייער פארעל-לעבען און דערמאהנען זיך, אז נאך אלעמען, איז דאך דא א גאט אויף דער וועלט, און ער בעצאהלט דעם זינדער פאר זיינע פערברעכען.

פאטער לארענצא האט ניט געוואוסט, אז אבוואהל דיא וועלט האלט איהם פאר א צדיק און אזוי ריין וויא א מלאך, איז גאט וואס וויים דיא געהיימניסע פון הערצער, גוט בעקאנט מיט זיין פריוואט לעבען, און פאר איהם קען מען זיך ניט בעהאלטען.

אבער גאט וויל ניט דער זינדער זאל שטארבען: ער וויל בעסער אז ער זאל תשובה טהאן און לעבען.

ויהי היום, האט זיך פאטער לארענצא ארומגעזעהן וואו ער איז אין דער וועלט. ער האט זיך אוועקגעשטעלט פאר דעם שפיעגעל אין זיין עלעגאנטער וואהנונג, און ערבליקט, אז דיא האר פון זיין קאפ זיינען גראה געווארען, און אבוואהל זיין געזיכט איז געווען גלאט אבגעראזירט האט ער אויך געוואוסט, אז דערווארצעל פון יעדער האר איז וויים וויא מילך.

זיין הארץ האט איהם וועהמוטהיג געקלאפט, זיינע אויגען האבען זיך אנגע- פיהלט מיט טרערן, און בליקענדיג ווייטער, האט ער דערזעהן דאס בילד פון דער הייליגער מאריא, גאטעס מוטער, וויא אזוי זיא שטעהט פערטראכט, טרויעריג, און האלט אויף איהרע הענד דאס קינד פון ליידען, וואס איז געבארען געווארען אבצוקומען פאר דיא זינד פון דער מענשהייט.

א טרויער האט איהם בעהערשט אין זיין גאנצער זעעלע, און ניעדער-זינקענ- דיג אויף זיינע קניען האט ער מיט זיינע הענד בעדעקט זיין געזיכט, און מיט א געבראכענע שטימע האט ער געבעטען:

„הייליגע מוטער גאטעס! דוא ווייסט אז דער מענש איז שוואך און איז געבוירען געווארען זינדיג. בעט דוא פאר מיר, הייליגע מוטער, אז גאט, דער זוהן און דער הייליגער גייסט, זאלען רייניגען מיין נשמה פון דעם שמוטץ מיט וועלכען

איך בין אָנגעפיהלט געוואָרען. נים איך בין שולדיג נאר דער שטן וואס האט מיך דערצו אָנגערעדט. עס איז דער שטן המשחית, דער שטן מקטרג וואס האט מיך געצווינגען און נים געלאָזען רוהען. האב איצט רחמנות אויף מיין ארעמע נשמה און רעטע מיך — רעטע מיך!"

דיא קירבע האט אימער געהאט און וועט אויך האבען גוטע און היילינע מענער, וואס ווייסען וויא צו טרייסטען איין אָרימע נשמה, א געבראָטענעם גייסט און א זינדיגען קערפער. פאטער אנטאָניוס, א סך־יעהריגער גרייז, איז צו פאטער לארענצא אימער געווען וויא איין אייגענער פאטער. און דערפאר, ווען פאטער לאַרענצא האט אויפגעזוכט פאטער אנטאָניוס אום פאר איהם צו עפענען זיין הארץ און זיך פאר איהם מתודה זיין אויף זיינע זינד, איז דער לעצטער שטארק געריהרט געוואָרען, און אוויפלעגענדיג זיינע הענד אויף לאָרענצא'ס קאפ האט ער געמורמעלט:

„זיי רוהיג, מיין זוהן גאָט איז א בעל רחמים. ער וויל נאר רייגע און אמת'ע חרטה. גאָט'ס מדה איז רחמים, און דערפאר וועט ער רייניגען דיין נשמה און און פאר איהר עפענען דיא טויערען צום אייביגען לעבען. איך זעה דיין נשמה ארויסקריכענדיג פון דעם טייך וואס הייסט תשובה, און זיא ערשיינט וויא א טויב, אזוי וויים וויא שנעע. דער היילינער נביא האט געזאגט: „ווען אייערע זינד וועלען זיין רויט וויא דיא רויטקייט אליין, וועל איך זיי ווייס מאכען וויא שנעע", שטעה אויף מיין זוהן, וויל גאָט האט דיר מוחל געווען אויף דיינע זינד."

2.

ווען פאטער לארענצא האט זיך אויפגעהויבען פון דער ערד, האט זיין רונ־דעם און פולעס געזיכט, אויסגעדריקט א היילינע מינע פון גליק און צופרידענהייט. ער האט געוואוסט, אז גאָט האט איהם מוחל געווען אויף זיינע זינד און ער איז געוואָרען א נייער מענש.

און ווירקליך ווארום זאל איהם גאָט נים מוחל זיין? איז ער דען שולדיג געווען? דער שטן המשחית האט דאך אלעס אבגעארביים?

אָט דער שטן, דער שלעכטער בעטריגער, דער פעראורזאכער פון אלע זינד, איז דער יעניגער וואס וועט ביים גרויסען יום הדין ליידען א שרעקליכע שטראָף דערפאר וואס ער האט ארונטער געפיהרט אזוי פיעל עדעלע מענשען, וויא פאטער לאָרענצא, פון דעם דרך הישר. יעדע תשובה איז א שטאָך אין זיינע אויגען און

יעדע חרמה איז א דאָרן אין זיין טייפלישער הויט. וואס מעהר אזעלכע תשובות, און וואס מעהר אזעלכע צדיקים, אלץ נעטהיגער ווערט עס צום גרויסען יום הדין, ווען דער שטן וועט ענדליך פערלירען זיין קראפט און עס וועלען אויפהערען צו עקזיסטירען זינד.

פאטער לאָרענצא האט מעהרערע מאָל נאכגעדענקט איבער יענע צייטען, ווען דער שטן וועט פערלירען זיין כח און זיין איינפלוס. מיט זיין בעסטען ווילען און מיט זיין גאנצער נעלייטערטער נשמה, האט ער זיך ניט געקענט גענוי פאָר־שטעלען וויא עס וועט דאמאָלס אויסזעהן, ער האט זיך עראינערט אן פיעלע נע־לעגענהייטען, ווען דער שטן האט איהם אויך נעפיהרט אונטער א גאנצער חברה פרויענצימער, יוננע, שעהנע און פרעהליכע, און וויא מונטער ער פלעגט עס דאָרט צו ברענגען זיין צייט!

דאס איז טאקי איין עבירה, א פערברעכען, אבער דאָך, האט ער געמוזט צונעבען, אז פאר א יוננען מאן איז דאס איין אנגענעהמעס פערגעניגען. הייגט וויא קען דיא יוגענד אויסזעהן אָהן דעם אלעמען, אָהן דיעזען גע׳גנב׳עטען ווין וואס שמעקט זים?

אָט דיעזע געדאנקען, האט פאטער לאָרענצא געוואוסט, זיינען שוין זינדיג, און מיט זיין גאנצען אייזערנעם ווילען, האט ער זיי פון זיך פערטריעבען אין שאול תחתיה, צום שטן, וואוהין זיי פאסען. ער איז געבליבען נעבען בילד פון דער הייליגער מאריא, מיט א תהלים אין האנד און געבעטען גאט, ער זאל איהם מוחל זיין פאר זיינע שלעכטע מחשבות. און גאָט דער בעל רחמים, האט איהם געוויס מוחל געווען.

וואס עלטער פאטער לאָרענצא איז געוואָרען, אלס שטארקער איז געוואָרען זיין פרומקייט. דיא תעניתים האט ער ניט וויא אמאָל פערגעסען אדער זיך גע־מאכט פערגעסען, זאָנדערן אבגעהיט מיט א זעלטענע פינקטליכקייט, און זיינע תפילות האט ער געזאגט מיט דער גרעסטער כונה.

דיא בעזוכער פון זיין קירכע, זיינען געווען אויסער זיך פאר פרייד איבער דער פרומקייט פון זייער גלח. דען ווירקליך האט זאגאר א זינדער ליעב א פרומען גלח, ווייל ער ווייס, אז ווען נים ווען, וועט ער אמאָל תשובה טהאָן, און אז דער גלח איז שטארק פרום, וועט ער האבען א גרעסערע דעה ביי גאט אום אויסצו־ווירקען גנאָדע פאר איהם.

פאטער לאָרענצא׳ס גרויסע פרומקייט, האט איהם געמאכט עהרע און אב־טונג ביי דיא שענסטע פאמיליען פון געאפעל, און דאס האט איהם געגעבען דיא

מענליכקייס, ער זאל ווערען דער פריוואט בייכט־פאטער (פאר וועלכען מען האט זיך מתודה געווען) אין דיא פראמינענטע הייזער.

דיא אריסטאקראטיע פון נעאפעל בעשטעהט אויך וויא אין אלע אנדערע שטעדט, פון זינדיגע מענשען, און אזוי וויא א זינדער בעדארף האבען יעמאנדען וואס זאל איהם פערצייהען דיא זינד, האט אויך דיא אריסטאקראטיע פון נעאפעל איהרע גייסטליכע פאר וועמען מען איז זיך מתודה.

דיא זינד פון דיא אריסטאקראטען זיינען אפילו עהנליך צו דיא זינד פון דיא ארימע בשר ודם'ניקעס, אבער דאך הערשט אין א געוויסער בעציהונג א גרויסער אונטערשיעד.

ווען, צום בייספיעל, איין ארימעס מיידעל אדער ארימע פרוי האט בעגאנגען א זינד און זיא פערקעהרט מיט א פרעמדען מאן, און זיא געהט צו א גלח וואס איז ניט געוויסענהאפט און איז זיך פאר איהם מתודה. דער גלח זעלבסטפערשטענדליך דארף הערען, זעהען און שווייגען. נאר אזוי וויא דער שטן איז שוכט איבעראל, פאסירט עס וואס זאגאר א גלח קען ביי זיך ניט האלטען אזא סוד און דערצעהלט איהם זיינעם א פריינד. דיזער פריינד פערטרויט עס בסוד איין אנדערן פריינד און אויף דיזער ארט, ווערט דער סוד ענטדעקט. עס איז אבער א קליינעס אונגליק ווען אזעלכע סודות פון דער ארימער קלאסע קומען ארויס אין דער עפענטליכקייט. קיינער בעמערקט עס גיט און ניעמאנדען אינטערעסירט עס. מיט דער אריסטאקראטיע וויעדער, איז עס א גאנץ אנדערע זאך. ווען אזא סוד קומט ארויס אין דער עפענטליכקייט ווערט א גאנצער רעש.

עס האט שוין אמאל פאסירט מיט גרעפין ל., א וואונדערבארע יונגע און שעהנע דאמע, דיא פרוי פון א פיעל־פאכען מיליאנער, וועלכע האט זיך מתודה געווען פאר איהר גלח איבער א קלייניגקייט, און דאן האט דער גלח אויסגעפלוידערט דיא געשיכטע, דאס זיא האט פערבראכט א האלב נאכט אין בעט פון איהר מאנ'ס בעסטען פריינד, וועהרענד איהר מאן האט אביסעל איבער געבאפט דיא מאס. דיא געשיכטע האט פאראורזאכט איין איבערקעהרעניש, און דאס האט געטריעבען דיא שעהנע גרעפין צו א יונגען טויט. אין א שעהנעם פריהמארגען האט מען זיא געפונען אויפגעהאנגען פאר שאנדע.

דיעזעס שרעקליכע ביישפיעל, וואס האט פאסירט אין נעאפעל זעלבסט, האט געדיענט אלס א גוטע ווארנונג פאר דער דארטיגער אריסטאקראטיע, און מען האט שוין נאטירליך געזוכט אזעלכע גלחים וואס האבען געוואוסט וויא צו האלטען א סוד.

פאטער לארענצא איז געוועזן א פאסענדער מענש דאפיר, און וואס מען האט איהם פערטרויט, איז געבליעבען פערשלאסען און שטיל וויא א קבר. ער האט געקריגען דיא העכסטע פאמיליען פון געאפעל אלס זיינע אנהענגער און פאר איהם האט זיך דיא עלעגאנטע אריסטאקראטיע מתודה געוועזן אויף דיא זינד. פאר יעדען האט ער אבער אימער געהאט א טרייסטענדען ווארט און א סימפאטישען אויס־דרוק, אז נאט זוכט דעם בעל תשובה און ער פערצייהעט אלע זינד אהן איין אויסנאהמע.

3.

פאטער לארענצא האט בעוואהנט איין אלט־מאדישען פאלאסט אין דער ב. גאס, וועלכע ליענט אביסעל דערוויטערט פון דער שטארקער בעפעלקערטער שטאדט. אבער דערפאר איז ער דארט געבליעבען אין רוה און אונגעשטערט, אום צו פערברענגען זיין צייט אין געבעט.

דער שלאס איז געוועזן ארומגערינגעלט מיט גרויסע און אלטע בוימער, און און זיינע צווייגען האבען איינגעהילט זיין הויז פון אלע זייטען. זיין וואהנונג האט אויסגעזעהן וויא א נעסט צווישען בלומען. זיין שוועל איז ניט איבערגעטרעטען גע־ווארען פון קיין פרויענצימער, אויסער וועלכע פון דער ארימער קלאסע, וואס איז צו איהם געקומען זיך מתודה זיין. צו דיא רייכע איז ער געגאנגען אהיים, זיינע שפייזען און זיין הויז־ווירטהשאפט זיינען פערפערטיגט און געפיהרט געווארען פון דריי אלטע קירכען־דיענער און ער איז פערבליבען רוהיג און אונגעשטערט אין זיינע היילינע פליכטען.

דאס צווייטע הויז פון איהם, מיט א 50 שריט דערוויטערט, איז געוועזן בע־וואהנט פון א פראטעסטאנטישער פאמיליע. קארנעליוס, דער עלטערער זוהן פון דער פאמיליע, א יונגער מאן פון א יאהר 22, דער וואונדערבארער מענליכער שעהנהייט, האט אין א טאג אויף א שפאציער זיך בעקענט מיט פאטער לארענצא. אנפאנגס האט דאס אפילו אויסגעזעהן וויא פייער מיט וואסער, ווייל וויא קומט דאס א רוימישער קאטאליק צו איין אריסטאקראטישען פראטעסטאנט? אבער מיט דער צייט זיינען זייא ביידע געווארען דיא בעסטע פריינד, ווייל קארנעליוס האט זיך ארויסגעצייכנט אלס זעהר א גלייכגילטיגער צו רעליגיאן, און ער האט פאטער לארענצא'ן ניט געגעבען קיין געלעגענהייט אויף איהם בייז צו ווערען.

אויף אלע בעמערקונגען פון פאטער לארענצא איבער תשובה, מצוות און

אנדערע רעליגיעזע זאכען, האט קארנעליוס אימער גלייכגילטיג געשמייכעלט, און אין א טאג האט ער זאגאר בעמערקט:

„פאטער, אלע אייערע רייד זיינען ארויסגעווארפען, וויל איך בין שוין אזוי זינדיג אז אפילו צו תשובה קען איך אויך ניט צוקומען".

פאטער לארענצא האט אפילו פרובירט איהם צו בעווייזען, אז דער טייפעל אליין איז אויך נים אזוי שווארץ וויא מען מאלט איהם, נאר קארנעליוס איז גע־בליעבען הארטנעקיג.

אונטערדעסען האט פאטער לארענצא אויסגעפונען, אז דער יונגער זינדער איז זעהר איין אינטעליגענטער מענש, און עס איז ווערטה מיט איהם צו פערברענ־גען עטליכע שטונדען אין געשפרעך.

איז דאס ניט א מערקווירדיגע זאך, דאס דארט וואו מען מישט ניט אריין דיא רעליגיאן, קענען מענשען מיט פערשיעדענע אנזיכטען און זאגאר בעזונדערע כאראקטערע, אימער איינשטימען איבער א היבשען טהייל פון זייערע אידעען? אלזא, פאטער לארענצא, זעהענדיג אז קארנעליוס איז א פערלארענער זינדער, האט ער איהם אונגעהייער פיעל בעדויערט, נאר מיט זיינע ליפען האט ער מעהר ניט געוואגט זיין בעדויערן אויסצושפרעכען.

עס איז מערקווירדיג וואס פאר א כח דער שטן גיבט אריין אין זיינע אנ־העננער. קארנעליוס, דער אפיקורוס און לייקענער אין אלע הייליגע זאכען, אפילו אין דער הייליגקייט פון דעם הייליגען פאפסט, האט אימער געהאט א פערטיגען און בייסענדען ענטפער צו געבען אויף אלע פראגען פון פאטער לארענצא.

אזוי האט עס אין א טאג פאסירט, וואס פאטער לארענצא האט איהם פארגעהאלטען דאריבער, וואס ער, קארנעליוס, נעהמט זיך קיינמאל ניט דיא צייט נאכצודענקען איבער דיא שרעקען אין גיהנם, וואו דיא זינדער ווערען בעשטראפט פאר זייערע תאוות.

— וואס פאר א תאוות? האט קארנעליוס געפרעגט מיט א שפאטישען שמייכעל.

— דיא תאוות פון דעם קערפער.

— צום ביישפיעל?

— ווען מען געהט נאך דיא תאוה פון דיא אויגען און מען זינדיגט.

— איך בעט אייך, פאטער — האט קארנעליוס געזאגט געדרונגען — איהר זאלט מיר ארויסזאגען יענע וואס פאר א תאוה איהר מיינט, און ווען מעגליך וועל איך אייך ענטפערן.

— אט צום ביישפיעל — האט לאָרענצא אנגעפאנגען — ווען דיא אויגען דערזעהען א יונגע פרוי און מען קומט זיך מיט איהר צוזאמען אין זינד.

— אָה, איך פערשטעה — האט קארנעליוס געזאגט גלייכגילטיג — דערפאר וואס מען קומט זיך צוזאמען, וויא איהר רופט עס, אין זינד מיט א יונגער פרוי ברענט מען נאכהער אין גיהנם. אבער ערקלערט מיר נאר: און וואס ווערט פון דער יונגער פרוי?

— אויך זיא בעשטראָפט מען.

— וואו?

— אין גיהנם.

— קומט דאך אויס, האט קארנעליוס פאָרטגעזעצט, אז דאָרט אין גיהנם, זיינען דאָ נאר יונגע פרויען מיט יונגע ליעבע-מענער, וועלכע מען בעשטראָפט פאר זייערע זינד, און אין גן עדן וויעדער, געפינען זיך אלטע און פרומע ווייבער, אָהן צייהן, אָהן ברוסטען און אלטע פרומע און אבגעשמאקטע מענער, גרויסע בעלי-תשובות. ווען דאס איז אזוי, דאן דאנק איך אייך פאר דער ערקלערונג, און איך ערקלער, אז איך וועל פון היינט אָן און ווייטער אנווענדען אלעס מעגליכע נאר צו פערבלייבען אין גיהנם. ווען מען זאל מיר אפילו וועלען געבען דעם גן עדן מיט געוואלט, וועל איך אויך פון דאָרט אנטלויפען. יא, יא, איך וויל בעסער פערברענט ווערען נעבען דיא יונגע און שעהנע פרויען, וויא צו פערבלייבען אין דער געזעל-שאפט פון אלטע ווייבער.

פאטער לאָרענצא האט געגעבען א זיפץ, און עפּעס געמורמעלט וויא: „אלעס פערלאָרען, פערלאָרען“. נאר זייט דאמאלס האט ער מיט דעם שפּאָט מאכער ניט מעהר גערעדט איבער אזעלכע זאכען און זיי זיינען געוואָרען גוטע פריינד.

אונטערדעסען האט פאטער לארענצא בעמערקט, אז קארנעליוס האט נאר ליעב צו מאכען א וויטץ און א שפּאס דאָרט וואו עס פאסט זיך. אין אלגעמיינעם לעבען איז ער געוועזען איין ערנסטער מענש און ער האט געקענט זיין מעהר מאָראַ-ליש אפילו פון א גלח.

קארנעליוס האט שטודירט אין דער אוניווערזיטעט פון קלאסיקער און פילאָ-זאָפיע; ער איז דאָרט געוועזען איינער פון דיא בעסטע שילער; צו הויז האט ער רעספּעקטירט מיט עהרפורכט זיינע עלטערן און געשעצט זיינע שוועסטער און ברידער. ווען ער איז געקומען אין דאמען-געזעלשאפט, האט ער ניעמאלס געוואגט ניט נאר מיט א ווארט, זאנאר מיט קיין בליק אויסצודריקען עפּעס אונאנשטענ-דיגעס.

פאטער לארענצא. בעמערקענדיג דאס אלעס, האט זאנאר געצווייפעלט אויף קארנעליוס אין ווירקליך אזא אפיקורס וויא ער האט זיך פאר איהם פארגעשטעלט, אז דער שעהנער יונגערמאן מוז זיין א בעהאלטענער צדיק און אין זיין הארץ האט ער איהם געליעבט און רעספעקטירט.

דיא פריינדשאפט צווישען דעם אלטען גלח און דעם יונגען קארנעליוס האט געוואקסען פון טאג צו טאג, ביז פאטער לארענצא האט זיך ערלויבט צו געהן זאנאר עפענטליך שפאצירען איבער דיא גאסען פון נעאפעל מיט זיין יונגען פריינד. און מעהרערע מענשען זיינען שוין געוואוינט געווארען זיי צו זעהן ביידע געהן צו־זאמען, פערטיעפט אין געשפרעך.

4.

מאדאם באבעטא, דיא פרוי פון סיגנאר העלוועציוס, האט געוואהנט אין דער Z. גאס אין איינעם פון דיא שענסטע פאלאסטען וואס האבען בעציערט נעאפעל. איהר פאלאסט האט אויסגעזעהן וויא דער טרוים פון א דיכטער. דאס הויז איז געווען געבויט פון בלויע גראנאט־שטיינער, אונגעשליפען, און האט זיך ערהויבען אויף דריי שטאק הויך. פון ביידע זייטען און אין הינטערגרונד האט זיך אויסגעברייטעט א גארטען פון א ים קאלירטע בלומען ליענענדיג אין דעם שאטען פון גרויסע בוימער. דיא גרויע ווענט זיינען געווען בעוואקסען מיט גרינע בלעטער און דיא צווייגען פון דיעזע פפלאנצונגען זיינען ארויפגעקראכען וויים ביז אויף'ן דאך.

דער פראנט האט געהאט א רייהע פון 8 פענסטער, אדער בעסער געזאגט, 24 פענסטער, צו 8 פיר יעדען שטאק. אונטען איז געווען א שפרינג־ברונען וואס האט געשליידערט אין דער הויך א קריסטאל־קלארעס וואסער און ווען דיא זונן האט געשיינט, האט מען געקענט זעהן אין דיעזען וואסער אלע קאלירען פון דעם רעגענבויגען. אין וואסער אליין, האבען ארומגעשוואומען צוויי לעבעדעס מיט זייערע שנעע ווייסע פעדערן, און ציימענווייז האבען זיי גראציעז אויסגעשטרעקט זייערע העלזער און זיי אבגעבאדען אין דעם קלארען וואסער. ארום און ארום האבען גע־וואקסען פערשיעדענע בלומען־בייטען, מאנכע אין דער פארמע פון א שטערן, אנדערע וויא א האלבע לבנה און א טהייל פיערעקיג, זעקסעקיג און 9־עקיג. דאס האט שיין געציערט דער אלטער גערטנער, וועלכער האט אויך געדיענט ביי מאדאם באבעטא'ס פאטער.

די Z. נאס איז א פלאטץ פיר אריסטאקראטישע וואהנונגען; דער גערויש פון דיא אימער טהעטיגע ארבייטער און קליינע קויפלייטע, גרייכט ניט אריין. דערפאר אבער איז עס אזוי שטיל דאס ניט נור איינמאל שטעלען זיך אפ פערביינגעהער צו הערען וואו דיא שטימע פון א קאנאריען-פייגעל, דיא צארטע שטימע פון א פרוי און דיא מעלאדישע טענער פון איין ארגעל, פיאנא און גיטאר, גיסען זיך צוזאמען און קלינגען אב זיס און אנגענעהם איבער דער שטילער גאס.

וואס עס אנבעלאנגט דיא אינוועניגסטע אויסשטאטונג פון מאדאם באבעטאס וואהנונג, איז דאס געווען דיא עלעגאנץ זעלבסט, סיננאר העלוועציוס איינער פון דיא רייכסטע גוטס-בעזיטצער אין נעאפעל, האט איינגעריכטעט זיין פאלאסט, מיט דעם שענסטען אריענטאלישען און אייראפעאישען לוקסוס. דיא גומערן זייגען געווען אויסגעציערט מיט זיידענע סאפאס אויס פאריז און ווייכע דיוואנעס פון דאמאסקוס; מיט סאמעטענע פארהענגע פון פערזיען און מיט דיא שעהנסטע בילדער פון דיא רוימישע קינסטלער.

א פארפום גערוך האט זיך ארום געיאגט ארום אלע צימערען, און ווער עס איז אריין געקומען, האט געמעגט מיט רעכט זאגען, אז ער אטהעמט איין דעם גערוך פון לעבען.

און דיעזע הערליכקייט איז אויך געווען בעציערט מיט דער שענסטע פרוי פון נעאפעל. מאדאם באבעטא איז געווען א יונגע פרוי פון א יאהר 26 אדער 27 און אויב דיא זונן פון א טרוימערישען איטאליענישען הימעל האט אמאל ארונטער געבליקט אויף שעהנע פרויען און צו זייא געשמייכעלט, האט עס קיין שענערע און ליעבליכערע פרוי וויא מאדאם באבעטא ניט בעדארפט זיין.

באבעטא איז געווען פון מיטעל מעסיגער הויכקייט, זעהר גוט ענטוויקעלט אין קערפער; א ברייטער ברוסט-קאסטען האט געבילדעט דעם אויבערן טהייל איבער א שעהנע און שלאנקע טאליע. איהר הויט איז אפילו ניט געווען גאנץ וויס, אבער דערפאר האט מען געקענט זאגען, אז באבעטא איז דיא שעהנסטע אונטערברונעטקעס. איהרע עטוואס פולע ליפען האבען אימער אויסגעזעהן רויט און זאפטיג און זייא האבען אין זיך געהאט איין אויסדרוק, גלייך וויא זייא וואלטען אימער געבעטען געקושט צו ווערען. צווישעןביידע ליפען, האבען זיך אפט ארויסגעזעהן צוויי רייהען צייהן, אזוי לויטער וויא דיא גרויסע פערלען וואס האבען פערציערט באבעטאס האלז.

איהר נאז האט ערמאינערט אן דער בעשרייבונג אין דיא אלטע צייטען פון דיא שעהנע רוימישע דאמען-נעזער. און פון אונטער צוויי גערינגעלטע ברעמען,

אזוי שווארץ וויא קויל, האבען ארויס געפינקעלט א פאאר אויגען פון א פערדונקעלהייט אויסגעמישט מיט דעם פייער פון א שווארצען בריליאנט. באבעטאס אויגען זיינען געוועזען וואונדערבארע, שטעכענדע, איינדרינגענדע, אופרעגענדע, און ברענענדע. איין בליק פון זייא איז גענוג געוועזען, ניט נור איין איטאליענישער זאנדערן זאגאר א סיבירזשעם רוסע, אויפצוקאכען און אויפברויזען, עס זאל זיך איהם דאכטען, אז ער שטעהט נעבען ווּעזוּף, וועהרענד ער שפייט מיט פייער.

וואס עס אנבעלאנגט איהרע האאר זיינען זייא גראדע ניט געוועזען גאנץ שווארץ, זאנדערן האלב בלאנד און עטוואס געקרייזעלט. באבעטא האט כמעט אימער, איבערהויפט אין הויז געטראגען איהרע האאר פערפלאכטען אין צוויי לאנגע צעפ, וועלכע האבען אריבער געהאנגען איבער איהרע שעהנע שולטערן און געגרייכט ביז צו דער שלאנקע טאליע.

יא, באבעטא איז שוין געוועזען א מוטער פון דריי קינדער, אבער ניעמאנד, וואס האט זיא געקענט, וואלט געקענט בעשטרייטען דיא בעהויפטונג, אז זיא איז נאך א מיידעל. זיא איז געוועזען עפעס אזוי יונג אזוי רייצענד, און ליעבליך, מונטער אז איהר צו צושרייבען דיא טהאט זאכע, אז זיא איז א מוטער, איז געוועזען וויא אונמעגליך.

און דאך האט שוין באבעטא געלעבט מיט איהר מאן צייט דיא לעצטע 11 יאהר און זיך גערופען פערהייראטעטע פרוי זייט יענער צייט.

באבעטא האט פערבראכט א היבשען טהייל פון איהר צייט צו הויז. אין שפיעלען גוטאר און בעגלייטען דיא הערליכע טענער מיט איהר זיסע סופראנא שטימע. ווען זיא איז מיעד געווארען זינגענדיג, האט זיא שפאצירט אין איהר גארטען, זיך געשפיעלט מיט דיא קינדער, זיך אונטערהאלטען מיט דער גוווערנאנטקע אדער זיך אוועקגעזעצט בייא א פענסטער און געלעזען א בוך.

נאטירליך, אלס פרומע און גוטע קריסטין, האט באבעטא געלעזען דיא ערצעהלונגען פון פרומע לייט, וואו עס ווערט געשילדערט דאס לעבען פון דיא הייליגע, און דאס האט געמאכט אזא איינדרוק איבער איהר, אז זיא אליין האט אויך אויסגעזעהן וויא א מלאך־טע.

עס איז געוועזען צום שלוס פון דעם מאנאט אויגוסט, ווען זיא האט צוריק געקעהרט פון א לענגערן בעזוך אויף איהר מאנס גיטער און פארטגעזעטצט איהר געוועהנליכעס לעבען.

באלד זעקס וואכען זיינען פאראיבער, וואס זיא האט ניט, וויא עס פאסט פאר א פרומער קאטאליקין, מתודה געוועזען איהרע זינד פאר א גלח זייענדיג אויפען

לאנד, האט עס נעווים נים געפאסט, פאר אזא אריסטאקראטישע דאמע, זיך מתודה צו זיין פאר א פראסטען דארפס-גלח.

זיא איז אפילו נים געוועזען אווי שטארק זינדיג, אבער דאך האט זיא נים געוואנט איבערצוטרעטען דיא אריסטאקראטישע רעגעל און דערצעהלען א דארפס-גלח איהרע געהיימע געדאנקען.

אבער אזוי שנעל וויא זיא איז צוריקגעקומען נאך נעאפעל, האט זיא גלייך אויף'ן צווייטען טאג געשיקט איהר דראשקע אום צו ברייננען דעם אלטען און עהר-ווירדיגען פאטער צו זיך.

מאדאם באבעטא האט עמפפאנגען דעם גייסטליכען אין איהר שטודיער צימער. זיא איז געוועזען אנגעקליידעט אין א ווייס זיידענעס קלייד פערבלומט מיט גרינע און רויטע בענדער און איהרע שעהנע ברוסטען האבען זיך בעדייטענד גוט ארויסגעזעהן פון אונטער דעם געפאסטען קלייד.

זיא האט פאטער לארענצא'ן געריבען איהר קליינע און שעהנע האנד און איהם געוואונשען ווילקאמען.

„און וויא געהט עס אייך, פאטער?" האט זיא געפרעגט מיט איהר זיסע מעלאדישע שטימע.

„דאנקען גאט, טאכטער'ל האט לארענצא געענטפערט מיט א פרומער מינע אויפהויבענדיג זיינע אויגען צום הימעל, מיר געהט עס רעכט גוט, טאכטער. און וויא געהט עס דיר?"

„איך בין געזונד און מונטער וויא אימער", האט באבעטא געענטפערט אין מונטערן טאן.

איהר מענט זאגען וואס איהר ווילט, דער שטן איז נים נור א להכעיס'ניק זאנדערן ער האט אויך אין זיך א שווארצע גבורה. דאכט זיך פאטער לארענצא איז שוין געוועזען פאראיבער יענע צייטען ווען פרויען זאלען איבער איהם מאכען איין איינדרוק, אבער דאך, האט צו איהם דער שטן געוואונקען וויא איינער רעדט:

„זעה דוא אלטער נאר, זעה נאר וויא שעהן און גראציעז זיא איז".

פאטער לארענצא האט אונווילענדיג געמוזט צו איהר קוקען, אבער ער האט דעם שטן נובר געוועזען דען ער האט געגעבען א זיפץ און זיך פערטראכט אין א היילינעס געבעט, גאט זאל איהם בעשיצען פאר שלעכטע מחשבות.

גאט איז אימער גנעטדיג. און דיא היילינע מוטער מאריא, איז בארעמהערציג, זיין געבעט איז דערהערט געווארען און ער האט זיא נאר בעטראכט מיט פאטערליכע געפיהלע, און וויא עס פאסט פאר א גייסטליכען.

5.

מאדאם באבעטא האט גענומען א זיידענע קישעלע, אוועקגעלייגט צו פאַטער לארענצא'ס פיס, דארויף ניעדערגעקניעט, און אנגעפאנגען מתודה צו זיין איהרע זינד. דער הייליגער מאן האט אלעס אויסגעהערט, און ווען זיא איז געווען צו ענדע, האט ער געמורמעלט:

„דיינע זינד, בין איך דיר מוחל. שלעה אויף מיין גוטע טאכטער".

און ווירקליך, וואס איז דאָ געווען צו פערצייהען? זיא האט זיך ניט מתודה געווען עטליכע וואָכען דורכאנאנד? דאס מאכט ניט אויס: זיא האט זיך ניט געקענט ערניעדעריגען פאר קיין דארפס-גלח. דאן האט זיא עטליכע פרייטאָגען געגעסען פלייש און געטאנצט אין א יום-טוב ווען מען מוז טרויערען נאָך דעם הייליגען פעטראניוס. אט אין דעם זיינען בעשטאנען איהרע זינד, און זיא האט זיך אויף אלעמען מתודה געווען.

פאטער לארענצא האט געמוזט צוגעבען, אז ער האט אין יענער וואך געהאט זינדיגערע פרויען וויא זיא איז צום פערצייהען.

נאָך דער צערעמאניע האט מאדאם באבעטא געלאָזען ארויף ברייגגען א פלאש שפאנישען וויין פון איהר קעלער, און אום דער וויין זאל זיך לאזען טרינקען האט דער פאטער צוגעביסען א שטיקעל געזאלצענע פיש, און אויף דיזער ארט, האט זיך דער וויין לאנגזאם אויסגעליידיגט פון דער פלאש. דאן האט איהם מאדאם באבעטא געגעבען א היבשע מטבע פאר זיין טרחה, און דער הייליגער מאן האט זיך פארבערייטעט צום געהען. אָבער באבעטא האט איהם צוריק געהאלטען.

„פאטער", האט זיא געזאגט, „איך האב מיט אייך עטוואס צו רעדען. דער אמת איז, אז איך האב דאס אפילו געוואלט פערשווייגען, אָבער ניט צוליעב מיר זאנדערן צוליעב אייך וועל איך דאס זאגען".

פאטער לארענצא האט אויפגעהויבען זיינע אויגען אין ערשטוינען וואס קען זיא איהם זאגען?

„רעדט מיין טאכטער", האט ער געזאגט ערמונטערענד, „איך בין בערייט אלעס פון דיר צו הערען".

— ווער איז דער יונגער מאן מיט וועלכען איהר שפאצירט אזוי אפט ארום? האט זיא געפרעגט.

— אָה, דוא מיינסט געוויס קאָנעליוסין?"

— איך וויים ניט אויב ער הייסט קארנעליוס, און דאס אינטערעסירט מיך

אויך ווענינ צו וויסען. נאר איך מיין דעם טיט וועלכען איך האב אייך שוין לאנג געזעהען שפאצירען, אין נעבטען, אום 2 אזיינער נאכמיטאג, זייט איהר מיט איהם דא פערביינעגאנגען".

— ריכטיג דאס איז קארנעליוס.

— זאל זיין קארנעליוס.

— ער איז מיין בעסטער פריינד.

— אייער בעסטער פריינד? האט באבעטא געפרעגט מיט ערשטוינען.

— יא דאס הייסט, האט פאטער לארענצא געזאגט זיך פערטהיידיגענד. ער איז אפילו א גרויסער אפיקורוס, אבער דיא וואהרהייט מוז איך זאגען, אז ער איז א קלוגער מאן, און אזוי וויא ער איז מיינער א שכן און איך האב איהם אויס-פרובירט, איז ער מיין בעסטער פריינד און איך בין אויך זיין פריינד.

— וואס מיינט איהר אויספרובירט?

— איך מיין, אז ער איז איין עהרליכער און מאראלישער מענש.

— א מאראלישער מענש, חא, חא, חא! האט באבעטא בעמערקט שפעטיש לאכענדיג.

פאטער לארענצא האט זיך אומגעקוקט ערשטוינט.

— איך פערשטעה דיך ניט מיין טאכטער האט ער געשמאמעלט.

— הערט מיך אויס, פאטער, האט באבעטא אנגעפאנגען מיט איין ערנסטען טאן. „שוין זייט איינינע מאנאט, נאך איידער איך בין אוועק געפאהרען אויף'ן לאנד, האט מיך דיעזער יונגער וויסטלינג פערפאלגט מיט זיינע בליקען. איך נא-טירליך, האב איהם איגנארירט און זיך ניט געמאכט וויסענדיג. ווען איך בין אוועק געפאהרען, האב איך אן איהם פערגעסען. עס שיינט אבער, אז ער האט גוט אויפגעפאסט ווען איך וועל צוריק קומען, און נעכטען האט ער אבזיכטליך דא מיט אייך דורכשפאצירט.

„ענטשולדיג מיר" האט דער גייסטליכער זיא אונטערבראכען. איך האב איהם נעכטען בעגעגענט נאר אין איין אנדער גאס, און איך האב איהם געבעטען ער זאל מיך דורך אייער גאס בעגלייטען, ווייל איך האב דא געברויכט יעמאנדען בעזוכען. ער האט גאר אנפאנגס ניט געוואלט געהען מיט דיעזען וועג".

— דאס איז געווען איין אנשטעל, האט באבעטא געזאגט ער איז ספעציעל נעגאנגען אין דיעזער גאס.

„אונגלויבליך" האט דער גייסטליכער בעמערקט.

— אט הערט ווארום האט באבעטא פארטגעזעטצט. „ער האט זיך געשטעלט

פערזענליך איבערציינגען, אז איך בין שוין אהיים געקומען. אח איך בין ווירקליך פערביינגעגאנגען נעבען פענסטער, און ער האט מיך געזעהען. דאן, וויא איהר ווייסט, ווען איך בין צו הויז, זיטץ איך אימער ביים פראנט פענסטער צווישען 4 און 5 אוהר נאכמיטאג. נאך פון פריהער האט ער דאס געוואוסט, און אקוראט אום 4 אוהר נעכטען, איז ער ווידער ערשיענען. איך בין געזעסען ביים פענסטער און ארויסגעקוקט, ווען ער איז פערביינגעגאנגען, ארויפגעקוקט געשמייכעלט, גע־וויזען מיט דיא פינגער, געפינטעלט מיט דיא אויגען און אנדערע צייכענס גע־מאכט מיינענדיג נאטירליך אז איך וועל איהם ענטפערן. איך האב איהם אבער צוגעווארפען א בליק פון פעראכטונג".

פאטער לארענצא איז געווארען שטארק אין כעס אויף קארנעליוסין, אבער אונטערדעסען, האט ער זיך דערמאהנט, אז ער איז איין אנשטענדיגער יונגער מאן, ווען אום צו פערטהיידיגען זיין פריינד, האט ער געזאגט:

— טאכטער און צווייפעל ניט אין דיין בעהויפטונג. אבער איך זאג, אז דוא האסט געהאט א טעות. איך קען עס בשום אופ'ן ניט גלויבען אויף דיעזען מענשען.

— זייט זיכער, האט באבעטא בעמערקט גאנץ רוהיג אז איך האב ניט קיין טעות, און וויס וואס איך בעהויפטע, בערוהט אויף פאקטען. יעצט פאטער, וועל איך אייך בעטען, איהר זאלט מודיע זיין דעם יונגען כומר, אז ער זאל ניט מיינען, דאס ער קען זיך בעדיענען מיט דער געלעגענהייט וואס ער ווייס, אז איך זיטץ צווישען 4 און 5 אוהר נאכמיטאג ביים פענסטער און ער זאל קומען מיר מאכען קאמפלימענטען און ערקלערען ליעבע פון דער גאס. מיין מאן איז אפילו וויא גע־וועהנליך ניט צו הויז, צו דיעזער צייט, אבער איך קען איהם דעריבער מיטטהיי־לען, און ער וועט האבען א מיאוסען סוף, איך בין א פערהייראטע פרוי, א מוטער פון קינדער און א פרומע קריסטליכע טאכטער. זאל ער זיך געהען זוכען זיין גלייכען אונטער דיא אפיקורסישע פרויען. וואס עס אנבעלאנגט אייך, זאג איך אלס אייער פריינדין, אז עס פאסט אייך ניט אזא בעקאנטשאפט. אדער ווען איהר זייט שוין א בעקאנט מיט איהם דאן זאלט איהר זעהען איהם ארויף פיהרען אויפ'ן דרך ישר".

6.

ווען פאטאר לארענצא איז ארויסגעגאנגען פון מאדאם באבעטאס פאלאסט איז ער געוועזן שטארק אויפגערעגט.

„סטייטש", האט ער געמורמעלט צו זיך אליין, איך זאל האבען אזא טעות איבער א מענשען? איך זאל איהם רעכענען פאר דער אנשטאנד זעלבסט און צום סוף זאל ער גאר זיין אזא אויסגעלאסענער? ווארט איך וועל איהם מכבד זיין! ניט אומזיסט איז ער איין אפיקורוס, און דער שטן מאכט קיין מאל ניט קיין האלבע ארבייט. אזעלכע מענשען וואס לאבען פון תשובה, פון ניהנום פון גן־עדן און פון דער קאטוילישער רעליגיאן, קענען קיין לייט ניט זיין און דאן האב איך אויך געהאט א גרויסען טעות איבער פרויען אין אלגעמיין. די ישעהנע באבעטא בעווייזט מיר, אז פרויען קענען זיין גוט און פרום, אונגעריכטעט דאריף וואס זייא זיינען רייך און שעהן"....

ווען פאטער לארענצא איז אהיים געקומען, האט ער גלייך ארייגעשיקט זיינעם א דיענער, רופען קארנעליוסין. דער יונגער מאן איז געוועזן בעשעפטיגט מיט מיט עפעס, און ער האט געלאזט וויסען זיין אלטען פריינד, אז ער וועט מיט א א האלבע שטונדע שפעטער קומען.

צו דער פערשפראכענער צייט איז ער ערשיענען.

לארענצא'ס געזיכט האט אויסגעזעהען פערפינסטערט און זיינע אויגען הא בען זיך אונרוהיג בעוואוינען.

— איהר האט מיך גערופען, פאטער? האט דער יונגער מאן געפרעגט.

— יא איז געוועזן זיין קורצער ענטפער.

— און איך בין געקומען. עס מוז זיין וויכטיגע נייעס, ווען איהר שיקט מיר רופען ספעציעל.

— זעהר וויכטיג.

— ווירקליך?

— יא, הערט מיך אויס, קארנעליוס. מיר ביידע זיינען שוין בעקאנט א היבשע צייט. טראָטץ דעם וואס איהר זייט ניט פרום און שפאטעט פון רעליגיאן האב איך אייך רעספעקטירט, ווייל איך האב אייך גערעכענט פאר א עהרליכען און מאראלישען מענשען.

— איך דאנק אייך זעהר.

— צו מיין בעדויערן אבער האט זיך יעצט מיין מיינונג געוועקסעלט

— געוועקסעלט? ווארום? האט קארנעליוס געפרעגט מעהר פעראינטער סירט ווי ערשטוינט.

— ווייל איהר זייט ניט דאס וואס איך האב גערעכנט.

— ניין? איך בין דאס ניט? אח ווארום, ווירקליך?

— ווייל איהר אכטעט ניט אויף דער היילינקייט פון פאמיליע!

— ווער? איך?

— יא.

— איהר מוזט מיר ענטשולדיגען איך פערשטעה אייך ניט.

— איך וועל אייך באלד ערקלעהרען.

ביידע האבען זיך געזעצט.

— געדענקט איהר ווען מיר זיינען געכטען פערביינגאנגען די Z נאס! דאס דער גלח אנגעפאנגען.

— דאס געדענק איך גאנץ גוט.

— געדענקט איהר אויך ווען מיר זיינען פערבייגעגאנגען נעבען דעם שלאס פון דער בעריהמטער שעהנער מאדאם באבעטא?

— דאס געדענק איך ניט.

— ניין?

— ווירקליך ניט.

— אבער קענט איהר מאדאם באבעטא?

— ניין.

— איהר ווייסט אויך ניט וואו איהר שלאס איז?

— ניין.

— אבער איהר ווייסט דאך דאס צווישען 4 און 5 אוהר נאכמיטאג, זיצט זיא וויא געוועהנליך, ביים פענסטער?

— דאס ווייס איך ניט, נור איך הער עס איטצט פון אייך, אז א געוויסע, שעהנע און יונגע פרוי מיט דעם נאמען באבעטא האט א שלאס אין דער Z נאס......

— נעבען דעם אדוואקאט נ.׳ס פאלאסט האט איהם דער גלח אונטער־בראכען, נעגענאיבער דעם גארטען.

— דאס אלעס הער איך פון אייך, און דאן דאס דיזע מאדאם באבעטא זיצט וויא געוועהנליך, יעדען נאכמיטאג צווישען 4 און 5 אוהר נעבען פענסטער. גאנסט ווייס איך פון קיין זאך.

— איז דאס אייער ערנסט?

— מיין ווארט דאראויף.

פאטער לארענצא איז געוועזן איבערראשט. ער האט זיך אבער אונטער

דיסטן בערוהיגט, און דער צארן געגען זיין פריינד, איז לאנגזאם פערשוואונדען. דאן האט ער איהם מיטגעטהיילט אלעס וואס באבעטא האט איהם דערציילט.

פיעלייכט האט איהר נאך יעמאנדען מיט וועמען איהר געהט שפאצירען? האט קארנעליוס געפרעגט.

— יא איך האב אויך אנדערע פריינדע, אבער קיינער איז ניט אזוי יונג וויא איהר.

— דאן, הערט מיך אויס, האט קארנעליוס בעמערקט. עס מוז דא זיין א גרויסער טעות. דיא דאמע וויא איהר שטעלט מיר פאר, איז געוויס איין עהר־ווירדיגע פרוי, און זיא האט געוויס קיין אינטערעסע אויסצוטראכטען א בלבול אויף יעמאנדען. אבער זיא האט געמוזט האבען א טעות. עס וואלט געווען אינטערע־סאנט נאכצוזוכען ווער דער לומפ איז, וואס עס אנבעלאנגט מיר האב איך קיין בעגריעף פון דער גאנצער געשיכטע זעהט איהר איך בין ניט דער יעניגער, זאנ־דערען איך וואלט עס אין מיין גאנצעס לעבען ניט גיטאהן, זיך צו נעהען טשע־פען צו א פערהייראטהע פרוי, און איבערהויפט איהר ערקלעהרען ליעבע אין מיטען גאס.

פאטער לארענצא האט זיך איבערציינט, אז זיין יונגער פריינד זאגט דיא וואהרהייט. ער האט אויסגעשטרעקט זיין האנד צו איהם, געבעטען אום פערציי־הונג, און דאן זיך אליין גראטולירט פאר זיינע מענשען קענטניסע וואס ער האט קיין טעות ניט געהאט.

באבעטאס ווארנונג, מיט דעם יונגען ליעבהאבער מעהר ניט צו זיין בע־פריינדעט, האט ער מעהר ניט געהערט. ווייל קארנעליוס איז דאך געווען גאנץ אונשולדיג.

7.

עטוואס איבער 8 טעג זיינען פאריבער זייט דיעזער געשיכטע, ווען אין א נאכמיטאג איז ווידער צוגעפאהרען מאדאם באבעטאס קארעטע פאר פאטער לארענצא׳ס טהיר.

דער דיענער וואס איז געזעסען אין דער דראשקע איז אריין און מיטגע־טהיילט פאטער לארענצא, אז מאדאם באבעטא רופט איהם צו זיך.

— שוין ווידער אמאל זיך מתודה זיין? האט זיך פאטער לארענצא גע־פרעגט. דאך האט ער זיך אנגעצויגען זיין שווארצען קאפטען, גענומען זיין גע־לען

שטעקען אין דיין האנד און דיא היילינע שווארצע זאכען אין דער אנדערער, אריין געשטיענען אין דער קארעטע און אוועקגעפאהרען אין דער 3. גאס.

מאדאם באבעטא האט איהם זעהר פריינדליך עמפפאנגען, און אהנע פיעל צערעמאניע, האט זיא העניעדערגעקניעט און מתודה געווען איהרע זינד.

„וועגען אזא קלייניגקייט". האט זיך דער אלטער גלח געטראכט, איז גאר נים כדאי געווען די גאנצע מיה.

און, ווירקליך זיינען מאדאם באבעטא'ס זינד בעשטאנען אין קינדישע עבירות. זיא האט צוויי מאל פערפעהלט צו זאגען דאס געבעט „פאטער נאסטער", לעצטען פרייטאג האט זיא געגעסען אייער געפרעגעלט אין חזיר-פעט און זונטאג, האבענ-דיג א קאפּ-וועהטאג איז זיא נים געגאנגען אין קירכע.

אבער פרומע מענשען האבען שוין אזא טבע, חרטה צו האבען אויף דער קלענסטער עבירה. מאדאם באבעטא, אזא פרומע דאמע, ריין וויא א מלאך, האט נים געוואלט פאריבערגעהען דעם קלענסטען חטא, און אויף אלעמען באלד געוואלט קריגען א תשובה.

נאך דער צערעמאניע, האט באבעטא בעמערקט וויא גלייכגילטיג:

— „איך וויל האבען פאטער, אז איהר האט אייער יונגען פריינד געזאגט וואס איך האב אייך געבעטען?

— געוויס.

— אלזא?

— ער האט מיר פערזיכערט אויף דעם ווארט פון איין עהרענמאן, אז ער וויים פון קיין זאך צו זאגען.

באבעטא האט זיך צולאכט.

— אויף דעם ווארט פון איין עהרענמאן? האט זיא געזאגט זיך נאכקרימענ-דיג. אזא חברה-מאן האט שוין נים קיין עהרענווארט.

— מאכטער, האט לארענצא געזאגט מיט א בעליידיגטען טאן.

— ווען דוא בעליידיגסט איהם, בעליידיגסטו מיך. ער איז מיין פריינד!

— עס טוהט מיר זעהר לייד וואס איהר רופט איהם אייער פריינד, אבער איך בעהויפטע אז ער איז נים קיין עהרענמאן.

— הער מיך אוים, מאכטער, דיינע בעהויפטונגען, דאס דער מאן וואס האנדעלט אזוי, איז נים קיין עהרענמאן, זיינען וואהר. אבער דיזער וואס האנ-דעלט אזוי, איז נים מיין יונגער פריינד.

— ווער דען איז ער?

— אזוי־כער וואס איז מיר אונבעקאנט.

— גוט, איך פערשטעה האט באבעטא בעמערקט. ער איז א פיינלינג און לייקענט אב אלסדינג.

— נעווים לייקענט ער אפ, וויל ניט ער איז עס.

— ניט ער? און ווער האט עס אייך געזאגט?

— ער אליין.

— אזוי? ער אליין? נעוויס וועט ער ניט זאגען, אז ער איז א לומפ.

— דוא האסט איין אירטהום, טאכטער; איך בין זיכער, דאס ער וועט פאר מיר קיין ליגען ניט זאגען.

— ענטשולדיגט מיר. פאטער, איהר קענט ניט דיא וועלט.

— לארענצא האט זיך געטראכט, אז באבעטא האט נעוויס א גרויסען טעות, דען אין זיינע זינדיגע יאהרען, האט ער דיא וועלט, אדער בעסער געזאגט, דיא פרויענוועלט, גענוג געלערענט.

— אט דיזע מענשען, האט באבעטא פארגעשטעלט, וואס האבען פער־לארען דעם זעלבסט־רעספעקט, האבען אויך פערלארען זייער עהרע און זייערווארט.

— אבער איך זאג דיר, אז ער איז עס דאך ניט. דאס האט געמוזט זיין איין אנדערער עהנליך צו איהם.

— עהנליך זאגט איהר? גוט. איך וועל אייך איבערצייגען, אז איך וויס וואס איך זאג.

— אדרבה, איך בין בערייט צו הערען.

— האט איהר בעמערקט זיינע קליידער וואס ער טראגט אין דער לעצטער צייט?

— יא.

— טראגט ער ניט א געשטרייפטען אנצוג?

— יא.

— א בלויען האלז טוך?

— יא.

— א ברייטען שטרוי־הוט?

— יא.

— ווייסע דאך־שיך?

— יא.

— דאָן איז דאס אייער פריינד קארנעליוס און ניט קיין אנדערער.

פאטער לארענצא האט געמוזט צוגעבען אז מאדאם באבעטא האט רעכט, און ער האט געהאט א טעות.

— האט ער זיך ווידער געצייגט פרעך? האט ער ענדליך געפרעגט.

— נאך פרעכער וויא פריהער.

— צום ביישפיעל?

— פאָרגעסטערן, וויא איך האב אייך שוין דערצעהלט, בין איך מיר געזעסען צווישען 4 און 5 ביים פענסטער און ארויסגעקוקט פערגעסענדי׳ג אָן איהם, ווייל ער איז אין דער לעצטער צייט ניט ערשיענען, איך האב נאטירליך גערעכענט, אז אייער ווארנונג האט געווירקט. פלוצלינג דערזעה איך איהם ווידער אנקומענדיג פון דעם גאָרטען, דאָ געגענאיבער. אנפאנגס האב איך גערעכענט איך זאָל אוועק־געהן פון פענסטער און איהם איבערלאָזען אויף דער גאס אונבעמערקט. נאר דאן האב איך מיר איבערלייגט דאס עס איז גלייכער צו בלייבען זיצען און זעהן וואס ער וויל טהאָן. איך, אלס גוטע און פרומע קריסטין, האב קיין מורא ניט פאר אזא נסיון. וויא דער חברה־מאן האט מיך ערבליקט, האט ער אנגעפאנגען צו שמייכ־לען, פינטלען מיט דיא אויגען און מאכען צייכענס מיט דיא הענד. איך האב מיך געמאכט, גלייך וויא איך זעה איהם גאָר ניט.

— זעהר גוט האט איהר געטהאָן — האט פאטער לאָרענצא בעמערקט.

— דאָן, מערקענדיג אז איך וויל צו איהם ניט קוקען — האט מאדאם באַבעטא פאָרטגעזעצט — איז ער צוגעקומען שטארק נאָהענט. ער האט זיינע אויגען פון מיר ניט געוואָלט ארונטערנעהמען. דערביי האט ער ארויסגעצויגען א פאפיער פון זיין טאשע, וואהרשיינליך א בריעף, מיר איהם געוויזען אויף דער ערד. דער לומפ האט געווים געמיינט אויף דיעזער ארט מיט מיר צו זעטצען אין פערבינדונ־גען און אָנפאנגען א קאָרעספאָנדענץ. ער האט גערעכענט אז איך וועל ארונטער־שיקען מיינע א דיענסט און לאזען אויפהייבען דעם בריעף. אבער איך האב עס ניט געטהאָן.

— ער איז א שופט! האט פאטער לאָרענצא אויסגעשריען געריהרט.

— נאטירליך, ווען ער האט געזעהן אז איך מאך מיך ניט וויסענדיג, האט ער צוריק אויפגעהויבען דעם בריעף און ער איז אוועק. איך האב געקענט אויס־פיהרען ארויסצושיקען מיינע דיענער מען זאל איהם צוברעכען דיא ביינער!

— איהר האט עס אויך בעדארפט טהאָן.

— ניין, האט באבעטא געזאגט, איך האב עס ניט געטהאָן דערפאר, ווייל

ראם וואלט פעראורזאכט א מיאוס'ן סקאנדאל איך האב עס אלזא פערשווינגען נים צוליעב איהם, נאר צוליעב מיר. יעצט וועל איך אייך בעטען איהר זאלט איהם אויפמערקזאם מאכען, אז ער איז אין אירטהום; אז איך בין נים איינע פון דיעזע פרויען וואס ער רעכענט, און ער זאל זיך פון מיר אבלאזען, שטעלט זיך פאר וואס עס וואלט געווען, ווען מיין מאן וואלט גראדע דאמאלס אנגעקומען. מיין מאן, צו מיין גליק, איז גראדע צו דיעזער צייט אימער אין דער גאס. אבער ווען ער זאל יא ערשיינען, וואס וואלט מיר געהאלפען מיין פערטהיידיגונג. איהר פערשטעהט אלזא פאטער, אז איך קען קיין סקאנדאל נים צולאזען, און איך האף, אז דורך אייך וועל איך לויז ווערען פון איהם.

פאטער לארענצא האט געדריקט איהר שעהנע האנד מיט פאטערליכע געפיהלע, און איהר אלעס פערשפראכען.

8.

ווען פאטער לארענצא איז געגאנגען איבער'ן וועג אהיים, האט ער געמורמעלט צו זיך אליין:

„דיא מענער זיינען אונפערשעהמטע בעסטיעס. זיי זיינען עס דיעניגע וואס וואס דרינגען איין אין יעדעס פריעדליכע הויז און פעראורזאכען אזוי פיעל אונגליק. דיא פרויען וויא אויסגעלאסען זיי זאלען זיין, האבען זיי נאך אימער בושה און זייא וועלכען נים קריכען צו דיא מענער. ווען נים דיא שווייניש מענער וואלט זיך יעדע פרוי, אדער מייסטענס פרויען, אבגעלעבט פריעדליך מיט איהר מאן, מיט דעם פאטער פון איהרע קינדער, און קיין שאטען פון אונצופריעדענהייט וואלט פערדונקעלט זייער גליק. ווירקליך, א גליק וואס מאדאם באבעטא איז אזא פרומע און אנשטענדיגע פרוי. עס איז א גרויסער נסיון איבערצושטעהן, ווען אזא שעהנער מאן וויא קארנעליוס ערשיינט אין וועג. מען מוז בעזיצען איין אייזערנעם כאראקטער אום גובר צו זיין דעם יצר הרע. אבער גוטע און פרומע פרויען זיינען אימשטאנדע צו שיטען דעם שטן זאלץ מיט פעפער אין דיא אויגען.“

איבער דעם וועג האט לארענצא בעגעגנעט א פאר בעקאנטע, אבער געגען זיין געוואהנהייט האט ער זיך נים אבגעשטעלט ריידען מיט זיי. ער האט בלויז יעדען בעגריסט, און געאיילט פאררווערטס פערטיעפט אין זיינע געדאנקען איבער דער בעליידיגטער מאדאם באבעטא.

„וארום, האט ער צו זיך אליין געמורמעלט, — צו מיין בעקאנטשאפט און פריינדשאפט נעהמט איין ענדע, און איידער איך וועל דיעזע אבשליעסען, וועל איך דעם יונגען אויסגעלאסענעם לומפ מאכען אזא שווארצען סוף, אז ער וועט מיך האבען צו געדענקען אויף וויא לאנג ער וועט לעבען.“

וויא געוועהנליך איז ער אימער אהיים געגאנגען מיט א צווייטער גאס, וואס איז איהם ניט אויסגעקומען פארביא צו געהן נעבען קארנעליוס׳ וואהנונג, נאר דיעזעס מאל איז ער ספעציאל געגאנגען מיט איין אנדערן וועג, מיט דער אבזיכט אריינצובליקען אין קארנעליוס׳ וואהנונג פיעלייכט וועט ער איהם דערזעהן.

און ווירקליך, קארנעליוס איז געזעסען ביי׳ם פענסטער און געלעזען א בוך. קארנעליוס האט ניט ארויסגעקוקט און ער האט לארענצא׳ן ניט געזעהן. לארענצא האט אויך ניט געוואלט בעגריסען זיין יונגען פריינד, ווייל ער האט איהם גערעכענט אלס אונווירדיג דאפיר. ער האט אלזא בלויז געגעבען א הוסט.

קארנעליוס האט אויפגעהויבען זיין קאפ.

— אך! פאטער לארענצא! — האט ער אויסגעשריען.

לארענצא האט געשאקעלט מיט׳ן קאפ.

— וויא קומט איהר יעצט אין דיעזער היטץ אויף דער גאס? — האט קארנעליוס געפרעגט.

עס איז דאמאלס געוועהן איין אויסער געוועהנליכער הייסער טאג.

— איך געה נאך מיינע הייליגע פליכטען — האט לארענצא געענטפערט מיט א פרומער מיענע.

— געוויס געוועהן בייא יעמאנד׳ס שטערבע־בעט — האט קארנעליוס בעמערקט.

— ניין.

— דאן האט זיך פאר אייך א געזונטער מתודה געוועהן אויף דיא חטאים — האט קארנעליוס געזאגט מיט א שמייכעל.

— יא.

— און יעצט געהט איהר אהיים?

— ניין, איך וויל דא ווארטען ביז איהר וועט ארויסקומען.

— איך?

— יא.

— איהר דארפט מיר עפעס האבען?

— יא.

— שטארק נעטהיג? ווייל איך בין יעצט זעהר בעשעפטיגט מיט מיינע לעקציאָנען.

— איך דארף אייך האבען אויף א קורצע צייט.

— פיליכט וואָלט איהר אריינגעגאנגען?

— ניין.

— דאן וועל איך ארויסקומען צו אייך.

קארנעליוס האט פערבונדען א בלעטעל אין בוך, צוגעמאכט און איז ארויס אויפ'ן גאס, וועהרענד דעם איז לאָרענצא אוועקגענאנגען אביסעל אויף א זייט.

ווען קארנעליוס איז צוגעקומען, האט ער געזאגט:

— פאטער, איהר זעהט אויס בעטריעבט.

— יא.

— און וואס איז דיא אורזאכע? איהר זייט דאך חלילה נים קראנק?

— ניין, איך בין נים קראנק, נאר אנדערע זיינען קראנק.

— אייערע קרובים?

— איינער פון מיינע געוועזענע בעסטע פריינד.

— און וואס פאר א קראנקהייט איז דאס?

— א זעעלען־קראנקהייט.

קארנעליוס האט גוטמוטהיג געשמייכעלט.

— איהר לאַכט, האט לאָרענצא אנגעפאנגען בייז און בעטריעבט — איהר לאכט און ווילט נים וויסען ווען מיט אייער שמוציגע תאוה נעהט איהר אונגליקליך מאכען איין אנשטענדיגע פרוי.

לאָרענצא האט געשפּראָכען הויך און צאָרניג.

— נאר רוהיג, מיין אלטער פריינד — האט קארנעליוס געזאגט — קומט, איך וועל אייך בעגלייטען אהיים און הערען וואס איהר האט מיר צו זאגען. זייט נים אויפגערעגט, פיליכט וועל איך אייך קענען בעווייזען, אז דאס איז איין אירטהום.

— ווידער איין אירטהום? ניין, ניין, דאס מאָל איז אלעס קלאָר וויא דער טאָג, קיין אירטהום מעהר.

קארנעליוס האט איהם געלאזען רעדען וואס ער האט געוואלט, ביז זייא זיינען אריין אין גייסטליכען'ס הויז. דארט האט איהם לאָרענצא אלעס מיטגעטהיילט, און קיין פונקט פערפעהלט פון דעם וואס מאדאם באבעטא האט איהם דערצעהלט.

קארנעליוס האט יענעס וואָרט אויסגעהערט מיט געשפאנטער אויפמערק־זאמקייט.

— זיט איהר פערטיג? האט קארנעליוס געפרעגט צום שלום.

— יא — האט לאָרענצא געענטפערט ארויסלאזענדיג א זיפץ פון פרייער אויפאטהמונג — איך בין פערטיג, און יעצט וועט איך מעהר נים העלפען קיין פערטהיידיגונג און מיר דערצעהלען אויפ׳ן בוידעם א ידידי איך ווארנע אייך בלויז, איהר זאלט דיא דאמע צורוה לאזען. עס איז אמת, זיא וויל קיין סקאנדאל נים פעראורזאכען, אבער געדולד האט אויך א גרענעץ. זיא איז א פערהייראטע פרוי און א מוטער פון קינדער. איהר קענט אייער וויסטליגנ ציעל ניעמאלס ערדרייכען, און אויב איהר בעזיצט נאך איין פונק עהרענגעפיהל אין אייער הארצען, דאן זאָלט איהר זיך צוריק ציהען.

אויף קארנעליוס׳ געזיכט האט זיך געוויזען אבוועקסלענדע מיענען פון צאָרן, ערשטוינונג און אויפרעגונג. אבער ער האט זיך בעהערשט און געלאזען דעם גלח קומען ביז צום שלום פון זיין ווארנונג, מוסר און אלגעמיינע שילדערונג.

ווען לאָרענצא איז ענדליך שטיל געוואָרען האט ער ווידער געפרעגט:

— איך וויל נאר וויסען אויב דאס איז אלעס?

— יא, אלעס.

— האט איהר נאך עפעס צו זאגען?

— איך האב שוין גענוג געזאגט.

— דאס איז אמת, גענוג, און אפשר נאך מעהר ווי גענוג.

— בלויז דיא וואהרהייט...

— גוט, גוט, דיא וואהרהייט — האט קארנעליוס געמורמעלט אונגעדולדיג. איך האב אייך אלעס אויסגעהערט, יעצט וויל איך דאס וואָרט.

— איהר קענט זאגען וואס איהר ווילט.

— נאטירליך וועל איך זאָגען וואס איך וויל — האט קארנעליוס געברומט ווייטהענד — נאר הערט מיר אויס געדולדיג. איהר ווייסט אז איך בין נים קיין גלויבינער?

— דאס ווייס איך לײדער.

— איהר ווייסט אויך אז איך בין מוחל דעם גן עדן פון יענער וועלט פאר אזעלכע צדיקים ווי איהר זייט.

— איך דאס ווייס איך.

— דאפיר אבער, איז ביי מיר דיעזע וועלט דער עולם הזה, אלעס וואס איך קען בעזיצען. איך פערשטעה, איך פערשטעה וואס איהר ווילט מיר זאגען, אז דער־פאר מאקי וועל איך געניסען דעם עולם הזה אין א פולער מאָס. דאס איז אמת אבער איך וויים אויך און פיהל, אז אויסער דעם מענשליכען גענוס, אויסער גוט עסען און גוט טרינקען, האט א מענש אויך אנדערע פערגעניגענס. דיעזע זיינען גייסטיגע פערגניגענס, וויא שטודירען, פאָרשען און דענקען, איבער אלעמען אבער, איז ביי מיר דיא עהרע פון א געוויסענהאפטען מענשען טהייערער וויא אלעס. איך רעספעקטיר ניט מיינע עלטערן, שוועסטער. ברידער, עלטערע, אינגערע און גלאט מענשען, ווייל איך ערווארטע מען זאָל מיך בעלוינען. ניין, ניין, איך בעט פון איהם ניט אזעלכע טובות. דיא בעלוינונג דערפון ליעגט אין דער גוטער טהאט אליין און מיט דיעזען בעוואוסטזיין לעב איך. איך וויל גלויבען, אז איהר רעכענט מיך פאר איין עהרענהאפטען מענשען?

פאטער לארענצא איז אביסעל צוטומעלט געוואָרען פון קארנעליוס ווערטער, און ער האט איבערהויפט ניט געוואוסט וואס איהם צו ענטפערן אויף זיין לעצטער פראגע. קארנעליוס האט געשוואָרען און געוואָרט.

— איך גלויב, האט דער גלח ענדליך ארויסגעשטאַמעלט, אז איהר זייט איין עהרענהאפטער מענש.

— יעצט הערט מיך ווייטער — האט קארנעליוס פאָרטגעזעטצט — וויא אזוי איך וועל אייך ערקלערען מיין עהרענהאפטיגקייט. דיא עהרע און אנשטאנד פון א מענשען קומען פון צוויי זייטען: ערשטענס פון זיין גוטער ערציהונג און צווייטענס דורך זיין בעסערן פערשטאנד, וועלכע פערשטעהט וויא צו אורטהיילען צווישען גוטעס און שלעכטעס. איך האב גענאָסען א גוטע, זעהר גוטע ערציהונג, אונטער עהרענהאפטע עלטערן, און דערצו, אָהנע מיך צו ריהמען, וויים איך אז איך בעזיץ א גראדען פערשטאנד. אלזאָ דאס גוטע וואס איז אין מיר איז, האט א געוויסע אורזאכע. יעצט וועל איך געהן ווייטער און אייך דערצעהלען אביסעל פון מיינע געהיימע געדאנקען. איהר זאגט, אז מאדאם באבעטא איז שעהן, וואונדער־שעהן. איך בין א יונגערמאַן, און מיט מיינע אלע עהרענגעפיהלע, וויים איך ניט, אויב איך וואָלט געקענט וויעדערשטעהן דעם נסיון......

— אָט דאס האב איך טאקי געמיינט!" — האט לארענצא אויסגעשריען טריאומפירענד. איהר זייט ניט שולדיג, נאר דער שטן האט אייך אנגערעדט.

— הערט אויף מיט אייערע דומהייטען איבער דעם שטן, האט קארנעליוס געזאגט שטרענג. אונטערברעכט מיך ניט, און לאזט מיך אויסרעדען. איך בעהויפטע

אז איך וואָלט ניט געקענט איבערשטעהן דעם נסיון, ווען מאדאם באבעטא זאָ זיך טשעפּען צו מיר; ווען זיא זאָל מיר אויפדרינגען איהר ליעבע. איך בין א יונגער מענש. ביי דער צייט פון דיא הייסעסטע ליעבעס געפיהלע און עס איז א גרויסע פראגע......

— ניין, ניין, דאס דארף ניט זיין! האט לאָרענצא אויסגעשריען און זיך ניט געקענט איינהאַלטען — זעהט וואס יוסף הצדיק האט געטהאָן.

— אָה, יוסף, מיט איהם איז געווען איין אנדער געשיכטע. מאדאם פוטיפרע איז געווים געווען עפּעס איין אלטע באַלעריע. ווען יוסף וואָלט געטראָפען אבער א מאדאם באבעטא, וואָלט דיא ביבעל פערשפּאָרט איין ארבייט צו שילדערן זיין פרומקייט. אבער איך רעד יעצט ניט פון קיין אנדערע. נאר פון מיר. ווען מאדאם באבעטא איז ווירקליך אזא וואונדערבארע שעהנע פרוי וויא איהר האט מיר פאַר־געשטעלט, דאן זאג איך איך דיא וואהרהייט, אז איך וואָלט ניט געקענט זיין אזא צדיק וויא יוסף איז געווען געגען מאדאם פוטיפרע. נאר אז איך זאָל מיך אזוי ווייט פערגעסען און געהן ערקלערן איין אנשטענדיגע דאמע ליעבע פון דער גאַס, דאס וועל איך אפילו ניט טהאָן אין חלום. ניין, ניין, זאָגאר אין מיין טרויב האט זיך עס מיר נאך געווים ניט פאַרגעשטעלט. וואס איהר הערט פון מיר איז די וואהרהייט, און אלעס וואס איך קען אייך זאגען צוליעב אונזער אלטער פריינד־שאפט איז, דאס איך פערזיכער אייך נאך אמאָל אויף מיין עהרענוואָרט, אז איך וויים פון קיין זאך צו זאָגען, און איך האב נאך ניעמאלס געזעהען מאדאם באבע־טא, און ווען איהר וואָלט מיר ניט אויסגעמאָהלען וואו זיא וואָהנט, וואָלט איך דאס אויך ניט געוואוסט. — אדיע!

קארנעליוס האט זיך האסטיג אויסגעהויבען און פערלאָזען דאס צימער.

לאָרענצא, אין זיין לאנגער ערפאהרונג פון מתודה זיין זיך פאר איהם, האט אויך ניעמאלס געהערט יעמאנדען רעדען אזוי דייטליך און מיט אזא אופריכטיגען טאָן, ער האט געשפירט אז קארנעליוס זאגט דיא וואהרהייט.

אבער ווער איז דער מאן אזוי עהנליך צו קארנעליוס'ן?

נאך פיעלען דענקען דאריבער, האט ער בעשלאָסען אז מאדאם באבעטא זאגט דיא וואהרהייט, קארנעליוס זאגט אויך דיא וואהרהייט, נאר דער שטן האט זיך פערשטעלט אין קארנעליוס' צורה און בעטרייבט א שטיקעל געמיינהייט. ער האט בעשלאָסען אז ביי זיין נעכסטען בעזוך זאל ער ברענגען פיר מאדאם באבעטא

א שטיקעל פון דעם ראָק וואס דער הייכינער אנאסטאזיוס האט געטראָגען, און דאס וועט איהר דיענען אלס קמיעה פאר בייזע גייסטער.

9.

קארנעליוס איז געווען זעהר אויפגערעגט איבער דער געשיכטע.

— וואס קען דאס זיין? האט ער זיך געפרעגט.

אנשטאט צוריק אריינצוגעהן אין הויז האט ער ארומשפאצירט א היבשע צייט אויף דער פרייער לופט און אונצעהליגע מאָל איבערגעדענקט יעדע איינצעלהייט.

ער האט געוואָלט דערצעהלען דיעזע געשיכטע עפעס א פריינד זיינעם אבער ער האט גראָדע קיינעם ניט געפונען פאר פאסענד אזא זאך צו פערטרויען. דאן האט ער גלאט ניט געוואָלט, דאס מאדאם באבעטא, איין אנשטענדיגע פרוי זאָל אריין אין מויל פון פרעמדע לייטע, און זי האט אלעס איבערגעלאָזען פאר איין איינענער בעראטהונג.

דאן האט ער נאכגעדענקט איבער זיינע חברים, די סטודענטען, פילייכט געפינט זיך איינער אונטער זיי וואס וויל איהם אבטאָהן א שפיטצעל. אבער ער האט ערשטענס ניט ענטדעקט אזעלכען, און צווייטענס איז דאס געווען אונמעגליך יעמאנד זאל עס טאָהן, ווייל ער וואָלט געארפט שפאצירען מיט פאטער לאָרענצא'ן, און לארענצא זעלבסט וואָלט דאן זיך אויפמערקזאם געוואָרען.

„אבער וואס בין איך גראָדע דעריעג גער, אז אזא העסליכער אירטהום זאל איבער מיר בערוהען?

ער האט זיך דיעזע פראגע געשטעלט און אויפגעצויגען מיט די אקסלען.

קארנעליוס האט שפאצירט א היבשע צייט אויף דער שטראסע און זיך געבראָכען זיין קאפ דענקענדיג איבער דעם מערקווירדיגען צופאַל.

ניט קענענדיג געפינען קיין ערקלעהרונג, האט ער בעשלאָסען מעהר גאָר ניט צו טהאָן, און אבווארטען צו הערען וואס ווייטער וועט זיין.

„אז דאס איז א טעות, איז קיין צווייפעל,“ האט ער געמורמעלט צו זיך זעלבסט, „נאָר....“

ביי דיעזע ווארט האט ער זיך זעלבסט אונטערבראָכען און ביי איהם איז

ענטשטאנדען א געוויסע אינטערעסע איבער דער פרוי זעלבסט, דאס הייסט, איבער דער שעהנער מאדאם באבעטא.

דיא פארבייגעהענדע שילדערונג פון פאטער לארענצא איבער איהר, האט אביסעל אונטערגעצונדען זיין יונגע פאנטאזיע און ער האט אין זיך געשפירט, וויא אונוויללענדיג אפילו א וואונש צו זעהן דיעזע פרוי.

דיעזער געדאנק איז איהם ניט געפעהלען געווארען.

„דאן ווערט עס דאך טאקי הייסען, האט ער זיך געטראכט, אז איך געה איהר ערקלעהרען ליעבע".

עס איז איהם געוועזן אונאנגענעהם בעליידיגט צו ווערען אדער פערזאורזאכען איין אונשולדיגער און אנשטענדיגער דאמע עטוואס אונאנגענעהמעס. אבער זיין לוסט זיא צו זעהן האט אונטערדעסען געוואקסען פון סעקונדע צו סעקונדע, און ער האט בעשלאסען צו זיין זעהר פארזיכטיג אין דיעזער בעציהונג און זיא דאך זעהען.

„דאס ווערט מיר זיין זעהר לייכט אויסצופיהרען, האט ער געטראכט — פון דער בעצייכנונג וואס פאטער לארענצא האט מיר געגעבען, ווייס איך גאנץ גענוי איהר וואהנונג. דאן זיצט זיא יעדען נאכמיטאג, צווישען פיער און פינף אוהר ביים פענסטער. דאס איז גוט צו וויסען. איך וועל מיך אלזא שטעלען געגענאיבער, אין גארטען הינטער א בוים אונבעמערקט, און איך וועל זיא קענען זעהן".

10.

אויפ'ן אנדערן טאג נאכמיטאג, ווען קארנעליוס האט פערלאזען דיא אוני-ווערזיטעט, איז ער אוועק מיט א פאר זייטען שטראסען אהין, וואו מאדאם בא-בעטא האט געוואהנט. ער איז אריין אין גארטען אונבעמערקט און אויך אכטונג געגעבען מען זאל איהם ניט זעהן פון דיא וואהנונגען געגענאיבער.

זייענדיג אימער אין דעם שאטען פון א בוים, האט ער זיך לאנגזאם דער-נעהענטערט, ביז ער האט זיך געמערקט דעם פאלאסט מיט גרויסע שטיינער.

„דאס איז עס," האט ער געזאגט צו זיך אליין נאך ניט זעהענדיג דעם גאנ-צען פאלאסט.

דאן איז ער ווייטער געגאנגען, ביז ער איז ענדליך אויסגעקומען הינטער א בוים געגענאיבער דער געזוכטער וואהנונג.

ער האט בעמערקט דעם גארטען בייאביידע זייטען, דעם שפרינג־ברונען און דאן דיא וועגט פין דרויסען וויא זיי זיינען געוועזען בעוואקסען מיט בלעטער. ער האט אויך געזעהן דיא פענסטער, אבער אלע זיינען געוועזען געשלאסען. קיין פרויען־צימער איז דארט געזעסען.

ארויסציהענדיג זיין זייגער, האט ער בעמערקט אז עס פעהלען נאך צעהן מינוטען צו פיער.

„וואהרשיינליך איז נאך צו פריה," האט ער זיך געטראכט, און ער האט זיך שוין געשטעלט ווארטען.

זיין הארץ האט איהם אונהיימליך געקלאפט און ער האט ניט געקענט פער־שטעהן דיא אורזאכע.

פונקט אום פיער אוהר, האט זיך א פענסטער געעפענט און דער אויבערער טהייל קערפער פון א פרויענצימער האט זיך בעוויעזען. עס איז אפילו געוועזען אביסעל צו ווייט און מען האט ניט געקענט גענוי זעהען וויא שעהן זיא איז, אבער דאך האט זיא אויף איהם געמאכט א מערקווירדיגען איינדרוק.

זיא איז איינינע אויגענבליקען געשטאנען און ער האט זיא געקענט גוט בע־טראכטען. זיא האט געטראגען א ווייסע נעגליזשע קלייד, צימליך שטארק אויס־געשניטען, און אין מיטען פון איהר פולער ברוסט, האט געשטעקט א רויטע רויז וואס האט פון זיך געווארפען רויטע שטראהלען אויף א זילבערנעם געזיכט. איהרע האאר פון ביידע זייטען האבען אויך געטראגען רויזען.

— זיא איז א שעהנעם פרויענצימער! — האט ער אויסגערופען ענטציקט.

אז דאס איז מאדאם באבעטא האט ער ניט געצווייפעלט. דאן האט ער געזעהן וויא זיא האט זיך געזעצט, אוועקגעלייגט א קישעלע אויף'ן פענסטער וואו זיא האט אנגעשפארט איהרע צוויי האלב־נאקעטע ארעמס און ארויסגעשטעקט איהר שעהנעם קאפ אין דרויסען. זיא האט מיט איהרע שווארצע אויגען געבליקט פון ביידע זייטען גאס און, ווען קארנעליוס האט קיין טעות ניט געהאט, דאן האט זיא יעמאנדען געזוכט.

דאן איז איהם איינגעפאלען א גוטע אידעע, אז ער זאל טאקי דארט פער־בלייבען און אויפפאסען אזוי לאנג, ביז זיין דאפעל־מענער וועט ערשיינען.

„איך וועל איהם דערקענען, האט ער געמורמעלט, זא שנעל וויא איך וועל זעהן אז ער ערקלערט איהר ליעבע. און וויא איך וועל זעהן דיא אונצופרידענהייט אויף איהר שעהנעם געזיכט, וועל איך זאפארט ארויסשפרינגען פון מיין פערבאר־גענהייט, צוגעהן צו דעם פרעכען שופט, איהם ווארנען ער זאל זיין לומפערייא

מעהר ניט ווידערהאלען, און דאן וועל איך ארויפגעהן צו מאדאם באבעטא, מיך פאר איהר פארשטעלען, און דערצעהלען דעם טעות. ווירקליך, אבוואהל עס קי־מערט מיך ניט, וויל איך דאך ניט אז פאטער קארענצא זאל איבער מיר האבען א שלעכטע מיינונג."

אזוי פערטראכט אין געדאנקען איז קארנעליוס געשטאנען און זיינע אויגען ניט ארונטערגענומען פון מאדאם באבעטא. זיא האט אונגעדולדיג געקוקט פון אלע זייטען, און ער האט אנגעפאנגען נאכצופאלגען איהר בליק. אבער אויסער א פאר אונשולדיגע פארבייגעהער האט ער קיינעם ניט בעמערקט.

דיא שטונדע איז פאראיבער, אהנע ער זאל זיך עס פיעל מערקען. דאן האט ער געזעהן, וויא מאדאם באבעטא האט צוגעמאכט דאס פענסטער און איז ווידער אריין צוריק.

ער האט ארויסגעצויגען זיין אוהר און געזעהן אז עס איז אקוראט פינף.

11.

פיער טעג דורכאנאנד איז קארנעליוס געקומען און געשטאנען הינטער דעם זעלבען בוים, אויפפאסענדיג, וויא ער האט זיך איינגערעדט, צו זעהן זיין דאפעל־מענער. דיא וואהרהייט איז אבער געוועזן, אז ער האט זיך ניט געקענט אבווייסען פון מאדאם באבעטא'ס שעהנעם געזיכט. ער האט זיא יעדעס מאל מעהר בע־וואונדערט, מעהר פערגעטערט און, ווען ער האט קיין טעות ניט געהאט אין זיינע אייגענע געפיהלע, דאן האט ער אויך געשפירט, אז ער האט זיא אביסעל ליעב.

און וואס איז דא פאר א וואונדער? א מענש איז דאך ניט פון שטרוי גע־מאכט, און א יונגער מאן זאל לויט א נאטור געזעטץ ליעבען א שעהנע פרוי.

אבער קארנעליוס האט זיך ניט געוואלט צוגעבען, דאס ער ליעבט באבעטא'ן.

וויא האט ער זיא געקענט ליעבען? מיט וועלכען רעכט? וואו איז דער יושר? זיא האט דאך א מאן.

רעכט, יושר, מאן און אנדערע הינדערניסע, זיינען גאנץ גוטע אורזאכען אין דער מענשליכער מאראלישע פיהרונג ווארום מען זאל זיך ניט פערליבען. אבער דיא נאטור, וויא עס שיינט, האט איהרע אייגענע רעכטע און איהר אייגע־

נעם יושר. דארט וואו דיא נאטור ערוועקט ליעבע, קימערט זיא זיך נים אויב א טאן שטעהט הינטער דיא פלייצעס פון דער פרוי און האלט א פאפיר, בעשטעטיגט פון דער קירכע אדער רעגיערונג, אז דיא פרוי איז זיין אייגענטהום און קיינער אנדער האט א רעכט דערצו אויסער ער זעלבסט.

קארנעליוס, אלס אנשטענדיגער יונגערמאן, האט ביז דאמאלס נאר געקענט דיא רעגעלען פון דער עהרע און זיך נים געוואלט איינרעדען אז עס איז מעגליך, דאס טראטץ דעם אלעמען זאל ער דאך ליעבען.

אונטערדעסען האט ער זיך אזוי געטראכט:

„עס איז מאקי אמת, איך ליעב זיא ניט און טאר זיא נים ליעבען, אבער עס איז ניט פערבאטען צו בעוואונדערן א קונסט ווערק. מיר געהן בעוואונדערן א סטאטוע פון מאלטען מארמאר, דאס ווערק פון מענשליכע הענד, ווארום זאלען מיר ניט מעגען בעוואונדערן דאס קונסט-ווערק פון גאט? מאדאם באבעטא איז גאט'ס א מייטערווערק, און וויא עס שיינט בין איך א מבין אויף גאט'ס ווערק. איך זעה אלוא ניט איין, ווארום איך זאל זיא נים מעגען בעוואונדערן?"

ווען דיעזע געדאנקען וואלטען געווען אמת, דאס הייסט, ווען קארנעליוס וואלט מעהר ניט געמיינט וויא איינפאכע בעוואונדערונג, דאן וואלט ער געקענט גאנץ רוהיג בלייבען שטעהן יעדען טאג הינטער דעם בוים און בעוואונדערן גאט'ס מייסטער-ווערק. אבער וויא מיר האבען שוין פריהער דערמאהנט, האט ער זיך זעלבסט נים פערשטאנען.

באבעטא איז יעדען טאג, מיט דער גרעסטער פינקטליכקייט, ערשיענען פון 4 ביז 5 אוהר נאכמיטאג ביים פענסטער און איז דארט געבליעבען זיטצען דיא פאלשטענדיגע שטונדע. אין דיעזער שטונדע האט קארנעליוס גאנץ רוהיג געקענט בעוואונדערן איהר שיינהיים.

אבער ער האט געוואלט ארוים פון דארט גראדע וויא עס איז מיט דעם האהן אדער ענדיק, וואס וויל אוים קרעהען פאר דער הוהן אדער זיך אנבלאזען פאר דער ענדיצקע, אום צו בעווייזען זיין גבורה אדער שעהנהייט, קארנעליוס האט דאס ניט געוואוסט, ניט בעגריפען נאטור'ס סוד, נאר ער האט זיך איינגערעדט, אז ער געהט בעוואונדערן גאט'ס מייסטערשטיק פון נאטור, און אין דער זעלבער צייט, זאל ער....

דא זיינען געבליעבען שטעהן זיינע געדאנקען און ער איז צומישט געווארען. פאר זיינע געדאנקען האט געשוועבט א דונקעלער וואלקען פון אונבעוואוס-

פעס, פון איין אונבעקאנטער צוקונפט. וועלכע וועט זיך וואהרשיינליך שוין ארויס ציינען מיט איהר דייטליכקייט.

נאָר קארנעליוס איז געוועזן פעסט בעשלאסען נים צו געבען דער דאמע דיא געלעגענהייט זיך צו ערגערן איבער איהם. זיין פלאן איז אזוי געוועזן: ער וועט ארויס מיט דעם רעכטען טויער פון גאָרטען, דאס איז מיט 8 הייזער וויימער פון מאדאם באבעטא׳ס גרייסען פאלאסט. דאן וועט ער ארויף אויף׳ן טראטואר וואס איז נעבען מאדאם באבעטאס וואהנונג, און ער וועט זיך געהען רוהיג און געלאסען וויא יעדער ווארטענדיגער פערבייגעהער. אנקומענדיג נאָהענט פון דעם פאלאסט, וועט ער, אזוי וויא צופעליג אויפהויבען זיינע אויגען און בליקען צו מאדאם באבעטא.

ער וועט ניט ווינקען, מאכען מיט דיא הענד, אדער ציינען אירגענד איין אונאנשטאנדיגע בעוועגונג. אויף דיעזער ארט וועט ער זיא קענען בעסער זעהן, און זיא וועט איהם אויך בעטראכטען.

ביי דיעזער וויזע איז איהם איינגעפאלען, אז ער איז עפעס ניט גאנץ אנשטענדיג געקליידעט; דאָס זיינע האאר זיינען ניט אין פאלקאמענער ארדנונג, און דאן, איז עס שוין איבערהויפט שפעט און באלד נעהט פאָריבער דיא שטונדע. ער איז געבליעבען שטעהן און זיך ניט גערירט פון אָרט.

אין דיעזען טאג, האָט ער בעמערקט א מערקווירדיגע זאך פון מאדאם באבעטא. וויא עס איז געקומען נאהענט פון דער 5טער שטונדע, האָט זיא ארויסגעבויגען איהר קאָפּ, געבליקט פון אלע זייטען, און וואהרשיינליך ניט זעהענדיג דאס וואָס זיא האָט געוואָלט זעהען, האָט זיא זיך אבגעווענדעט און צוגעמאכט דאס פענסטער פון אינוועניג, מיט איין אונגעהייערן צאָרן.

דאן איז זיא ווידער פערשוואונדען וויא דער פאל איז אימער געוועזן.

12.

אויפ׳ן אנדערן טאָג, ווען קארנעליוס איז ארויס פון דער איניווערזיטעט, איז ער געוועזן געקליידעט יום־טוב־דיג. אויפ׳ן וועג איז ער אריין צו א בארבער, זיך געלאָזען גלאט אָבראזירען און זיך פערקאמט זיינע שעהנע האאר פון קאָפּ. דאן איז ער אוועק, מיט דעם געוועהנליכען וועג, צום גאָרטען.

אָנקומענדיג גאר ניט וויים פון גארטען איז ער געבליעבען שטעהען און איבערלייגט.

צו וואס זאל איך אריין גהן אין גארטען? האט ער זיך געטראכט. איך וויל דאך היינט זיא זעהען פון דער שטראסע?

ער איז געבליעבען שטעהען, ארויסגענומען זיין אוהר, און בעמערקט, אז עס איז נאך דא 10 מינוט צו 4. צו דיעזען צוועק איז ער אוועק מיט איין אנדערע שטראסע און אויסגערעכענט, אז ער וועט מאכען א שפאציר ארום און אנקומען פאר דעם גרויסען פאלאסט, אקוראט ווען מאדאם באבעטא וועט ערשיינען ביים פענסטער.

זיין רעכנונג איז געווען אפילו א גוטע", נאר זיין אונגעדולד, שוין צו זעהען מאדאם באבעטא האט איהם געגעבען צופיעל שנעלקייט אין דיא פיס, און ער איז אזוי גיך געגאנגען, דאס ער איז אנגעקומען נ'ט ווייט פון דעם פאלאסט, און עס איז נאך ניט געווען קיין 4 אוהר.

זיין הערץ האט איהם געקלאפט, אויף זיין געזיכט איז ארויס א לייכטער קאלטער שוויס און ער האט בעקומען א פערווירונג. זיין גאנצער ענטשלוס, צו זעהען מאדאם באבעטא, האט צוזאמען געבראכען, און ער האט ניט געוואגט ארויף צו הייבען זיינע אויגען און ארויף קוקען ער האט אויך ניט געהאט דעם מוטה ארויס צו נעהמען דעם זייגער און צו זעהען אויב עס איז 4 אוהר.

פלוצלונג האט ער דערהערט דעם בעקאנטען גערויש פון דעם פענסטער עפענען. ער האט נאך אימער ניט געוואגט זיך איינצוקוקען און איז געגאנגען ווייטער זיין וועג.

ער איז אוועק געגאנגען א 40 שריט ווייטער פון דעם גרויסען פאלאסט.

וואס איז דאס? האט ער ווירקליך געהערט וויא יעמאנד האט איהם גע־רופען מיט דעם שטילען סיגנאל פון „פסט" האט מען איהם גערופען אדער נאר איין אנדערן? יעדענפאלס האט ער בעשלאסען צוריק צו קעהרען און זעהען וואס דאס בעדייטעדט.

וועט ער זיך יעצט אומקוקען צו מאדאם באבעטא? דאס האט ער ניט געוואוסט? אבער איין זאך איז ער געווען זיכער, דאס זיא האט געהאלטען איהר בליק געריכטעט צו איהם. ער האט געשפירט איהרע אויגען און עס האט זיך איהם געדאכט, אז ער פיהלט וויא איהר בליק פאלגט איהם נאך.

און ווער האט געמאכט „פסט"? דאכט זיך ניעמאנד אנדערש איז דאמאלס געווען אין דער שטראסע?

אזוי דענקענדיג האט ער זיך דערוויטערט אויף א היבשע שטרעקע. ער איז געבליעבען שטעהן און געקוקט צוריק. ער האט פון ווייטען געקענט אונטער

שיידען מאדאם באבעטאס צימער ביים פענסטער, אָבער ער האָט זיא ניט נעקענט ריכטיג זעהען.

קארנעליוס האָט אנגעפאנגען צוריק צוגעהען און דאָס הארץ קלאפּען האָט נאך אמאל אנגעפאנגען. מיט דיא אויגען ארונטער נעלאָזען צו דער ערד איז ער געגאנגען ביז ער האָט ענדליך נעריייכט דעם פּארקען פון דעם גרויסען פּאלאסט און אויך געהערט דאס רוישען פון דעם שפּרינג-ברונען.

דאָ איז עס!

ער האט אונווילענדיג אויפגעהויבען זיינע אויגען. זיא איז געזעסען ביים פענסטער, און וויא הערליך שעהן מאדאם באבעטא איז נעווען פון אזוי נאָהענטט זיא האָט דאן נעטראָגען א הימעל בלויעס קלייד מיט גרינע בענדער. אין איהר ברוסט האָט נעשטעקט א ווייסע בלום.

ער איז געבליעבען שטעהן וויא פערצויבערט.

האָבען זיינע אויגען ריכטיג בעמערקט האָט ער קיין אירטהום נעהאט?

ארום דעם הערליכען מויל פון מאדאם באבעטא האט זיך בעוויזען א לייכטער זיסער שמייכעלע, און איהר שעהנער קאָפּ האָט זיך פערניינט לייכט, גראציעז און פערפיהרעריש, וויא פאר איין אלטען בעקאנטען.

דאָן האָט ער צוריק ארונטער נעלאזען זיינע אויגען, און וויא פערפאלנט פון יעמאנדען, האָט ער אָנגעפאנגען צו מאכען ברייטע שריט פארווערטס.

מיט א 30 שריט ווייטער האט ער ווידער געהערט דעם פריהערינען „פּסט״ „פּסט״!

וואס זאל דאס בעדייטען?

ער איז שוין אוועק היבשע שטרעקע ביז ער איז געבליבען שטעהן און אנגעפאנגען נעגווי איבער צו ליינען וואס דא האָט פּאסירט.

האט זיא צו איהם געשמייכעלט? האט זיא זיך פאר איהם נעניינט? איז דאס מעגליך? איז דאס וואהר?

אך! ווען דאס זאָל וואהר זיין! האָט ער זיך געטראכט.

אייניגע מינוטען האט ער איבערלייגט און בעשלאסען, זאָל געשעהען וואס עס וויל זיך, ער מוז נאך אמאָל פערביינעהען און זיך נענוי איבערצייגען. ער איז צוריקגעגאנגען, און דיעזעס מאָל, האָט ער שוין בעסער נעקוקט צו איהר און זיא מעהר בעטראכט.

דער זעלבער שמייכעל וויא פריהער מיט דער זעלבער פערניינונג. ער האט זיך בעמיהט זיך אויך צו פערנייגען און שמייכלען, אָבער ער האט ניט געקענט. ער-

איז געוועזען צופיעל בערווישט און איבעררארשט. ער האט צו איהר נעקוקט בלויז ווי א בילד, און דיא גאנצע צייט האט זיא געשמייכעלט און זיך לייכט פערנייגט, און דאן עפעס געמאכט מיט דיא אויגען, וואס האט בעדייטעט א מין צייכען.

קארנעליוס האט ניט געקענט פערשטעהן וואס עס געהט פאר, און מורא האבענדיג פיעלייכט וועט יעמאנד זעהן האט ער אנגעפאנגען וויטער צו געהען.

דער „פסט"! האט זיך שוין מעהר ניט געהערט און ער האט זיך ניט אומגעקוקט.

13.

אנקומענדיג אחיים, האט ער זיך אבגעשלאסען אין זיין צימער, און האט א היבשע צייט איבער אלעמען נאכגעדענקט. זיינע געדאנקען האבען גערוישט אין געוויטהעט, נאר ער האט זיך אנגעפאנגען לאנגזאם צו בערוהיגען, און זיך שוין געזעצט ביי זיין שרייב־טיש, ער האט גענומען טינט און פאפיר, און אנגעשריעבען פאלגענדען בריעף:

„מאדאם!

„דורך א מערקווירדיגען פאל, האב איך געהאט דיא עהרע אייך צו זעהען. איך מוז אייך זאגען דיא וואהרהייט, אז איך וואלט ניעמאלס געוואגט אויפצוהויבען מיינע אויגען צו אייך, ווען איך וואלט וויסען, אז דאס וועט אייך ניט בעליידיגען. פון דעם וואס פאטער לארענצא האט מיר דערציילט, האב איך גערעכענט, אז איהר האט געהאט א טעות און יעמאנד, עהנליך צו מיר, האט אייך בעליידיגט. דיעזער פונקט האט אזוי אויפגערעגט מיין נייגיעריגקייט, דאס איך האב בעשלאסען אייך צו זעהען און אויך ענטדעקען, אין דער זעלבער צייט, דעם יענינגען וואס האב געהאט דיא פרעכהייט, אייך צו בעליידיגען. פיער טעג דורכאנאנד האב איך אויפגעפאסט פון הינטער א בוים, און וועהרענד דיעזער צייט, האב איך גענאסען דאס זיסע פערגניגען און זיך געשפיעגעלט אין אייער בעצויבערענדער שעהנהייט. ניט זעהענדיג מיין „דאפפעל־מענער" ווי איך האב גערעכענט האב איך בעשלאסען ארויסצוקומען פון מיין בעהעלטעניש. אייער שעהנהייט פון דער נאהענט, האט מיך בוכשטעבליך פערווירט אבער מיין איבערראשונג איז נאך גר. סער געווארען, ווען איך האב בעמערקט אייער פריינדליכען בליק.

„מאדאם! איך וויל דיינקען אז איך האב קיין טעות ניט און פערשטעה

אייך. איך בעדויער נאר וואס איך בין געוועזן אזא דומקאפ ביז יעצט און נים בעגריפען אייער שארפזינן. איז דאס נים ריכטיג, אז אייערע ווערטער צו פאטער לארענצא זיינען געוועזן א שליחות צו מיר ? יא, יא, מאדאם, איך צווייפעל נים, אז דאס איז דער פאל. איהר זייט אזוי קלוג וויא שעהן איהר זייט.

„לאמיך אייך זאגען, אז איהר האט מיך מעהר וויא בעצויבערט, איך בין בוכשטעבליך ווילד פאר אויפרעגונג. מיין הארץ איז אויסגעפיללט מיט ברענענדער ליעבע און ליידענשאפט. איך וויל נאטירליך איהר זאלט מיך לערנען וואס איך האב צו טהאן אין דער צוקונפט. איך בין אייער שקלאף, און וויא א שקלאף וועל איך בעפאלגען אייער מינדעסטען אויפטראג, מיט דער גרעסטער פינקטליכקייט.

„זאגענדיג דעם מיינונג און נים פערשטעהענדיג אייער מיינונג, האב איך מיך צוקריעגט מיט פאטער לארענא. זיין פריינדשאפט שפיעלט בייא מיר זאנסט קיין גרויסע בעדייטונג. אבער צוליעב אייך, וועל איך אלעס טהאן. איך וועל איהם איבער בעטען און ערנייערן זיין פריינדשאפט פיעללייכט האט איהר מיר וויעדער עפעס מיט צו טהיילען דורך איהם, וועל איך אלעס אויסהערען, און איך האף מעהר נים צו זיין אזוי דום וויא פריהער און איהם נים פערשטעהן.

אבער מאדאם, אין פאל אלע מיינע האפנונגען און אויסרעכענונגען זיינען פאלש, דאן בעט איך אייך, מיט דעם גרעסטען רעספעקט, איהר זאלט מיר פערצייהען, פערצייהט איינעם וואס איז באלד פעררי‍קט פון ליעבע צו אייך. ווען מיין ליעבע איז אייך צולאסט, דאן בין איך זאגאר בערייט צו שטארבען און אייך נים צו ערגערן.

„פערצייהעט איין פער ווירטען און איין אונגליקליכען אדער גליקליך פערליעבטען.—

P. S. איך צווייפעל נים, אז איהר וועט שוין וויסען צו וועמען די אונטערשריפט געהערט, איך וועל קיין ווייטערן שריט מאכען, ביז איך וועל פון אייך הערען. מיין צייט דאפיר וועט זיין 10 טעג. ווען קארנעליוס האט אויפ'ן צווייטען טאג פערלאזען דיא אוניווערזיטעט, איז ער גלייך אוועק צום גרינעם פאלאסט. אנקומענדיג אהין, איז ערשט געוועזן עטוואס נאך 3 אוהר. ער האט אלזא בעשלאסען צו ווארטען.

צו דיעזען צוועק איז ער צוגעגאנגען צום גארטען און זיך אוועקגעזעצט אויף א באנק, פון וואנען ער האט געקענט קוקען צום פענסטער. ער אליין, האט אויך געקענט געזעהען ווערען.

אבער ער האט מעהר נים בעדארפט ווארטען ביז 4 אוהר, דען מיט עט-

ליבע מינוטען שפעטער האט זיך דאס פענסטער געעפענט און מאדאם באבעטא איז דארט ערשיענען, זיא האט צו איהם געקוקט. אויב זיא האט געשמייכעלט אדער ניין, האט ער ניט געקענט בעמערקען.

יעדענפאלס האט ער זיך באלד אויפגעהויבען און איז אריבער דעם וועג.

דער נעכטינער שמייכעל מיט דעם קאפ-נייגען, האט איהם ווידער בע־גריסט. ער האט צוריק געשמייכעלט און זיא האט זיך ווייטער פערניינט. דאן האט ער געלייגט דיא האנד אויף זיין ברוסט-טאשע, ארויסגעצויגען דעם בריעף און איהר געצייגט. אין דער זעלבער צייט, האט ער איהם ארונטער געלאזען אויפ׳ן טראטואר. זיא האט געשאקעלט מיט׳ן קאפ, און דאן וויא ער האט אנגעפאנגען אוועקצוגעהען, האט זיא איהם געווארפען א קוש מיט איהר שעהנע האנד.

זיין הארץ האט געטאנצט פאר פרייד.

ער איז אריין אין גארטען, זיך אוועקגעשטעלט הינטער א בוים און געווארט קוקענדיג אויף דעם בריעף וואס איז געבליבען ליעגען אויפ׳ן טראטואר. באלד איז ערשיענען א יונגעס מעדכען, ארויסקומענדיג פון מאדאם באבעטאס גארטען זיא האט אויפגעהויבען דעם בריעף און איז צוריק אריין.

מיט א פאאר מינוטען שפעטער, איז באבעטא פערשוואונדען געווארען פון דעם פענסטער. ער האט געווארט זיא נאך צו זעהען, אבער זיא איז מעהר ניט ערשיענען.

נאך אין דעם זעלבען אבענד האט קארנעליוס זיך איבער געבעטען מיט פאטער לארענצא.

14.

דריי טעג זיינען פאריבער אין דער אונגעדולדעסטער ערווארטונג און קארנעליוס האט גאר ניט געוואוסט וואס איבערצוטראכטען.

ער האט יעדען טאג געשפראכען מיט פאטער לארענצא זיך מיט איהם אונטערהאלטען, אבער מעהר קייןווארט פון איהם געהערט איבער מאדאם באבעטא.

אין דריטען אבענד, איז קארנעליוס געווען זעהר אונגעדולדיג און ער האט אליין אויפגעבראכען א געשפרעך

— און וואס מאכט דיא שעהנע דאמע? האט ער געפרעגט.

— וועמען מיינט איהר?

— איך מיין מאדאם באבעטא.

— באבעטא? האט לארענצא געמורמעלט און אין זיינע אויגען איז געלעגען א בעדייטענדער בליק. „איך ווייס ניט. איך בין שוין ניט געוועזען דארט היבשע עטליכע טעג. יא, איך האב נאר פערגעסען, היינט פריה איז ווירקליך יעמאנד געווען מיך רופען.

— פון וועמען? האט קארנעליוס געפרעגט פערלירענדיג זיין גלייכגילטיגקייט.

— פון מאדאם באבעטא האט לארענצא געענטפערט. עס איז וואהרשיינליך אום צו בייכטען (זיך מתודה זיין.) זיא איז זעהר א פרומע פרוי און היט אב דיזע מצוה מיט דער גרעסטער פינקטליכקייט. אבער ליידער בין איך געווען בעשעפטיגט, ווייל איך האב נאך פון פארגעסטערן פערשפראכען גראף און גרעפין י. וויא אויך מאדאם ט. דארט צו זיין. עס איז מיר אלזא אונמעגליך געווען דארט צו זיין.

— און ווען דענקט איהר זייא צו בעזוכען? האט קארנעליוס געפרעגט מיט איין אונטערדריקטער הייזעריגקייט.

— מארגען, געוויס. אבער, וואס אינטערעסירט דאס אייך אזוי שטארק צו וויסען?

— „נאר ניט. גלאט געפרעגט“.

לארענצא האט געשאקעלט מיט'ן קאפ אונצופריעדען.

אויפ'ן אנדערן טאג, האט פאטער לארענצא אבגעשטאטעט א בעזוך מאדאם באבעטא'ן אין איהר פאלאסט. זיא איז עפעס אין דיזען טאג געווען אזוי פערפיהרעריש, אז דער לומפיגער שטן האט שיער בעוואויגען פאטער לארענצא ער זאל אבפרעסען א קוש אויף איהר נאקעטען האלז, וועהרענד זיא האט פאר איהם געקניעט און מתודה געווען איהרע זינד.

אבער פאטער לארענצא איז געווען א גבור; ער האט געקענט באהערשען דעם יצר-הרע, און דאס האט ער געקענט פערדאנקען זיין פרייע יוגענד ווען ער האט זיך געזעטיגט מיט פרויען-פערגניגען און אויך געגעבען דעם שטן וואס ער האט געוואלט. יעצט איז שוין פאטער לארענצא געווען בעל-הבית איבער זיך און דער שלעכטער שטן האט נאר געקענט איהם א ביסעלע אויפרעגען, און ניט מעהר.

נאך אלעמען איז פאטער לארענצא דאך ניט מעהר געווען וויא א בשר-

ודם, און ער האט זיך געשפירט אביסעל וויא בערוישט. וועהרענד מאדאם באבעטא איז פאר איהם געשטאנען אויף דיא קניען און דערצעהלט איהרע זינד — אימער אונבעדייטענדע עבירות — האט פאטער לארענצא, אונווילענדיג, געשפירט עפעס א זיסקייט זיך צו שפרייטענדיג איבער זיין הארץ, גראדע אזוי, גלייך וויא ער וואלט אויסגעטרונקען א גוטע פלאש מאדיירא וויין. עס איז אלזא קיין וואונדער ניט, ווען ער האט ניט געהערט גאנץ גענוי וואס מאדאם באבעטא האט איהם דערצעהלט.

ער האט בלויז געקוקט אויף איהר הערליכען קאפ, איהרע דיקע לאנגע צעפ און ברייטע שולטער, וועלכע זיינען געווען האלב נאקעט.

צום שלוס, האט ער וויא געוועהנליך, אויפגעהייבען זיינע הענד איבער איהר קאפ, און געמורמעלט, מיט א פרומע מינע:

„אין נאמען פון גאט דער זוהן און דער הייליגער גייסט, פערצייה איך דיר. שטעה אויף מיין טאכטער."

דיא פרומע מינע פון באבעטא'ס געזיכט האט זיך אויף געוועקסעלט. און זיא האט אויסגעזעהן ווי א טלאך וואס איז נאר וואס ארונטער געפאלען פון דעם הימעל אהן זינד.

דאן האט אנגעפאנגען איין אלטעגליכעס געשפרעך, איבער דער קירכע, איבער פאליטיק און אנדערע זאכען וואס אינטערעסירען אזעלכע עדעלע דאמען. צום שלוס האט זיא בעמערקט:

פאטער איהר וועט מיר ענטשולדיגען. עס איז מיר ווירקליך זעהר אונאנגע-נעהם אייך אזוי צו בעלעסטיגען, נאר...

— רעד, רעד טאכטער, איך בין בערייט אלעס צו הערען.

— זיים איהר נאך אימער בעפריינדעט מיט דעם יונגען מענשען פון וועלכען איך האב מיט אייך צוויי מאל געשפראכען?

— ווארום פרעגסטו?

— איך וויל עס וויסען.

— איך האב מיך מיט איהם געקריגט איבער זיין שלעכטער אויפפיהרונג, אבער ער האט מיך איבערגעבעטען. עס שיינט, אז ער האט זיך שוין געבעסערט.

— אזוי, געבעסערט? האט באבעטא געפרעגט מיט זעהר א שפאטישען לאך.

— איך דענק אזוי.

— דאן האט איהר איין אירטהום.

— וואָרום ?

— ווייל ער איז נאָך א פערדאָרבענער ווי א געווען.

— ווי אזוי ?

— און אויך פרעכער.

באבעטא האט זיך צוגערוקט א ביינקעל צום טיש וואו דער גלח איז געזעסען און ארויף געליינט איהרע ביידע הענד.

קארענצא האט געשוויגען און ערווארטעט צו הערען וואס זיא וועט איהם זאגען.

— עס איז דאס לעצטע מאל, פאטער, האט זיא אנגעפאנגען אין א בעליידיגטען טאן. איך בעמיהע איך צום לעצטען מאל, און ווען דאס וועט ניט העלפען, דאן וועל איך עס דערצעהלען מיין מאן. איך וועל אלעס פאר איהם ענטדעקען און פערלאנגען זיין שוטץ...

אין באבעטאס אויגען האבען זיך געוויזען טרערען. דיא ארעמע פרוי, וויא פאטער לארענצא האט גערעכענט, איז בעליידיגט געווארען אויף דער העכסטער ארט, און דער ערנידרונג האט אין איהר ארויסגערופען שאנדע-טרערען.

פאטער לארענצא האט אויסגעדריקט זיין טיעפסטע סימפאטיע און ערמונטערט מאדאם באבעטא זיא זאל איהם דערציילען איבער קארנעליוסעס לעצטע געמיינהייט.

„עס איז אפילו געגען מיין כאראקטער און הייליגע פראפעסיאָן", האט דער גלח בעמערקט. נאר אייער שמערץ האט מיר געריהרט ביז מיין טיעפער זעעלע. איך בין בערייט איבערצוגעבען דעם פרעכען יונג אייערע ווערטער:

„איך דאנק אייך, פאטער, איך דאנק אייך", האט באבעטא געמורמעלט און געקוסט זיין האנד.

נאכדעם וויא זיא האט זיך אויסגעווישט איהרע שעהנע אויגען, האט זיא אנגעפאנגען פאלגענדע געשיכטע:

„נאך מיין צווייטען מאל איך דערצעהלען דיא קומפעריי מיט דעם בריעף, האב איך איהם שוין מעהר ניט געזעהן. נאטירליך האב איך גערעכענט, אז איך בין פון איהם שוין פטור געווארען. איהר קענט זיך פארשטעלען וויא לייכטער עס איז מיר געווארען אויפ'ן הארצען, וויסענדיג, אז איך בין שוין פון איהם ניט געשטערט. איך האב אייך געבענשט אויפשטעהענדיג און לייגענדיג.

באבעטא האט זיך אויסגעהוסט און פארטגעזעצט:

„אבער מעגליכע לומפעריי האט קיין גרענעץ. עס בלייבט פאר מיר אין

אונערקלערטעס נעהיימניס, וויא אזוי דיעזער מאן האט אויסגעפונען אלע איינ־צעלהייטען איבער דיעזער הויז פיהרונג. דער מאנאט אגוסט, וויא איהר ווייסט, איז דיא צייט ווען דיא ווינטרויבען אין דיא וויינגערטנער ווערען פארטיג און זייא ערפארדערן דיא גרעסטע אויפמערקזאמקייט. מיין מאן וועלכער איז זעהר א טהע־טיגער מענש און האט פיעל צו טהאן אין שטאדט. אפפערט צוויי טעג מיט א נאכט צייט פיר אונזערע וויינגערטנער. צו דיעזען צוועק פאהרט ער אוועק יעדען מיטוואך גאנץ פריה און פערבלייבט אין דיא וויינגערטנער ביז דאנערסטאג פארנאכט.

„לעצטען מיטוואך, ווען מיין מאן איז אוועק געפאהרען, האב איך שפאצירט אין גארטען, געגעסען מיטאג, זיך אינטערהאלטען און אזוי ווייטער. ווען עס איז נאכט געווארען, איז געווען, אויב איהר קענט זיך עראינערן, זעהר הייס. איך האב ניט געקענט פערבלייבען אין מיין וואהנונג, דורך דער שטיקענדער לופט, און איך האב בעשלאסען צו צוברייננגען אויף פרייער לופט ביי נאכט, ביז עס וועט אביסעל קיהלער ווערען.

„אויב איהר ווייסט, געפינט זיך אין לינקען פליגעל פון מיין גארטען א זומער הייזעל. צו דיעזער צייט איז דאס ארום געוואקסען מיט ווינשטאק בלעטער און בלומען פון אלע זייטען, זא דאס קיין שפארינע זעהט זיך ארויס. א זיידענע דעק דיענט אלס טהיר. אינווייניג געפינט זיך א טיש, עטליכע בייגקלעך און א ברייטע שטרויענע סאפע. אין דעם שוטץ פון דיא גרינע בלעטער און א זאמדיגען באדען איז דארט כמעט אימער קיהל.

„אהין, פאטער, האב איך מיר לעצטען מיטוואך אבענד צוריק געצויגען. איך האב ארונטער געלאזען דיא זיידענע דעק איבער דעם איינגאנג, אנגעצונדען א קליין לעמפעל און בין אזוי געזעסען ביז אונגעפעהר 10 אוהר, ווען מיין דיענערשאפט איז געגאנגען שלאפען.

„איך האב אנגעזאגט מיין קאמערפרוי מען זאל מיך ניט שטערען, און וויא געוועהנליך, איז מיין וואונש ערפילט געווארען. שפירענדיג, אז אלעס איז שוין רוהיג און שלאפט, האב איך מיך, אהן מורא, אויסגעצויגען, כמעט האלב נאקעט און זיך געלייגט אויף דער שטרויענער סאפא.

„עס שיינט, אז דיא קיהלקייט האט אויף מיר געהאט א גוטע ווירקונג, דען איך בין באלד איינגעשלאפען און זיך פערלארען אין אונשולדיגע חלומות.

„נעבען פארקען, פון דרויסען, וואס רינגעלט ארום מיין גארטען, געפינט זיך איין אלטער און דיקער אייבענבוים. איהר קענט איהם זעהען וויא איהר

קומט אן פון דער אנדערער זייט שטראסע. דער לומפינער יונגער מאן, קארנעליוס וויא איהר רופט איהם, האט וואהרשיינליך בייא טאג גוט בעטראכט דיעזען בוים. וויא ער האט זיך איבערצייגט, אז אלעם רוהט און שלאפט, און וויסענדיג דערצו, אז אין מיין הויף גיעבט עס קיינע הינט איהם צו שטערען, האט ער ארויף געקלעטערט אויף דיעזען בוים, און זיך האלטענדיג פעסט אן דיא שטארקע און גראבע צווייגען, איז ער ארויף אויפ'ן פארקען און פון דארט, איז ער אריין אין הויף.

„זיך זעהענדיג איינמאל אין הויף, און וויסענדיג וואו איך געפין זיך, איז ער לאנגזאם צוגעגאנגען צום זיידענעם פארהאנג, איהם אויפגעהויבען און איז אריין. איך, שלאפענדיג, האב נאטירליך ניט געקענט וויסען פון זיין געגענווארט, און ער איז הפנים געזעסען א היבשע צייט און מיט זיינע וויסטלינג אויגען געקוקט אויף מיין האלב נאקעטען קערפער.

„עס איז קיין צווייפעל, אז איך האב אזוי אפגעשלאפען א פאאר שטונדען, דען דיא קיהלקייט פון דער נאכט האט געשטיגען און אזוי וויט געווירקט איבער מיר, אז איך האב געמוזט ערוואכען.

„יעטצט, פאטער, שטעלט זיך פאר מיין שרעק: איך איין אנשטענדיגע דאמע, בערויבט פון מיין בעוואוסטזיין דורך דעם שלאף, האב געעפענט מיינע אויגען און ערבליקט אין מיין געגענווארט, זיטצענדיג א פרעמדען מאן. אנפאנגס האב איך ניט געקענט אונטערשיידען ווער דאס איז, און איך האב געמיינט, אז דאס איז מיין איינעגער געזעטצליכער מאן. איך האב אויסגעשטרעקט מיינע הענד און ער האט זיא אנגעכאפט מיט זיינע, אויסשרייענדיג: „ענדליך געליעבטע, ביסט מיינע!‟ זיין שטימע האט בוכשטעבליך פערגליווערט דאס בלוט אין מיינע אדערן איך האב געוואלט עפענען מיין מויל שרייען, אבער דיא שטימע איז מיר בערויבט געווארען.

„ציטערענדיג אין גאנצען לייב האב איך ענדליך אין א הייזעריגע שטימע געמורמעלט, דאס ווען ער פערלאזט מיך ניט דאן וועל איך רופען דיא דיענער־שאפט צו הילפע. ער האט עפעס געזאגט וואס איך האב ניט פערשטאנען, אבער זעהענדיג מיין ענטשלאסענהייט, האט ער זיך אבגעווענדעט פון מיר, ארויס אין הויף, און איך האב געקענט זעהן וויא ער האט פערלאזען דעם גארטען מיט דעם זעלבען וועג וויא ער איז געקומען.

„פאטער! דאס איז שוין צופיעל. יעצט הערט מיין ענטשלוס. איך וויל פער־מיידען סקאנדאל, ווייל עס פאסט גאר ניט פאר איין אנשטענדיגע פרוי וויא איך

בין די װעלט זאָל אפילו אזוי װיסען. איהר, הײלינער פאטער, גלױבט מיר גאנץ גוט, און איהר װײסט, אז עס איז הלילה פון מײן זײט, צו קײן שלעכטעס געקומען. יא, איך װיל פערמײדען סקאנדאל, נאר װען עס זאל יא מוזען קומען דערצו, דאן זאָל עס דעם פרעכען יונג טהײער קאָסטען!"

מאדאם באבעטא האט זיך בײ דיזע װערטער אױפגעהױבען און איז צוגע־גאנגען צו א שראנק, װעלכען זיא האט געעפענט און ארױסגענומען א בלאנקען רעװאָלװער.

— זעהט איהר דאס, פאטער, האט זיא געזאגט. דאס האב איך פארבע־רײטעט. יעדע קוגעל איז טעדטליך, און װען ער װעט װאגען נאך אמאל מיך צו שטערען, דאן זאָל ער װיסען װאס עס הײסט בעלײדיגען די געפיהלע פון אײן אנשטענדיגער דאמע. נאר אזוי װיא איך װיל ניט זײן קײן מערדערין, װען איך זאָל עס נאר קענען פערהינדערין, דאפיר בעט איך אײך, איהר זאָלט איהם מיטטהײלען איבער מײן ענטשלוס, װײל אלעס האט געגרײכט די העכסטע ערנסטע שטופע.

מאדאם באבעטא׳ס שעהנע אױגען האבען אױסגעזעהן װילד פאר גערעכטען צאָרן. זאָגאר דער הײלינער און פרומער פאטער לארענצא האט איהר געזאגט, אז זיא איז פאָלקאָמען גערעכט צו מאכען אזא שריט.

מיט א שטונדע שפעטער, האט קארנעליוס אױסגעהערט די גאנצע גע־שיכטע פון פאטער לארענצא.

װען דער גײסטליכער איז ענדליך פערטיג געװאָרען, האט קארנעליוס אזוי געזאגט:

— מײן עהרװירדיגער אלטער פרײנד! איך זעה אז דאָ איז א געפעהרליכער אירטהום. איך װידערהאָל נאך אמאָל, אז איך בין אונשולדיג און די געאכטעטע דאמע האט א פאָלשטענדיגעס רעכט צו פערטהײדיגען איהר עהרע מיט געװעהר אין האנד.

ער איז דאן אװעק אהײם און בעװאונדערט מאדאם באבעטא׳ס חכמה איהם מיטצוטהײלען װיא אזוי ער קען צו איהר קומען.

15.

מיטװאָך אלזא איז געװען דער טאָג, װען איהר מאן פאָהרט ארױס אין די װײנגערטנער; מיטװאָך אבענד איז זיא פרײא ניט געשטערט צו װערען; און דאן

געפינט זיא זיך אויך אליין אין זומער-הייזעל. דער צוטריט אריין איז דורך דעם אייכענבוים. הינט זיינען נישטא צו שטערען און דאס אלעס מוז געשעהן נאך 10 אוהר ביי נאכט.

קארנעליוס האט פערשטאנען יעדען איינציגען וואונק וואס זיא האט איהם געגעבען אנצוהערען דורך פאטער לארענצא.

צו זיין בעדויערן איז אבער דאמאלס ערשט געווען דיענסטאג און מען מוז אבווארטען א נאכט מיט א טאג.

קארנעליוס' פילאזאפיע איז געווען א גאנץ איינפאכע, און קיין איטאליענער, אדער קיין מענש וואס איז געבארען געווארען אונטער דעם בלויען הימעל פון איטאליען, האט בעסער אדער שעהנער געקענט האנדלען. ער איז געווען זיכער אז ער וואלט מאדאם באבעטא'ן זאגאר קיין צו פרייען בליק ניט צוגעווארפען, ווען ער וואלט ניט געוואוסט זיכער, אז זיא האט איהם פריהער ערמונטערט.

דיא פארשריפטען פון מאראל זיינען ביי איהם געווען פערשיערען וויא בייא א רעליגיעזען. דער רעליגיעזער האט געוואוסט, אז עס איז א פערברעכען צו בערירען א פרעמדען מאן'ס פרוי, און דאך האט ער אליין געזוכט דיא געלעגענהייט אזעלכע צו קריעגען. קארנעליוס וויעדער האט אזוי ארגומענטירט:

„פרויען-רעכטע, און געשלעכטליכטע פערהעלטניסע, דארפען ניט ערגער זיין וויא דיעזע פון א מאן. דער מאן נאטירליך, נעהמט זיך אלע רעכטע, ווייל ער איז א מאן. ער זאגט, אז א מענש, כל זמן ער לעבט און קען געניסען פערגעניגען, זאל ער עס טהאן, ווייל נאכדעם וויא מען ליינט אריין אין קבר, אדער זאגאר ווען מען ווערט אלט, איז אוים פערגעניגען. האט דען דיא פרוי ניט דיעזעלבע געפיהלע וויא דער מאן? דארף דען דיא פרוי ניט זיין גראדע אזוי בערעכטיגט צו פערגניגען וויא דער מאן? ווען דאס איז יא דער פאל, דאן האט מאדאם באבעטא א פאל-קאמענעם רעכט צו געניסען פערגעניגען מיט איין אנדערן מאן, אויסער דיעזען וואס דיא קירכע אדער דער שטאאט האט איהר ערלויבט.“

דאן, וואס עס אנבעטריפט איהם זעלבסט, דאס הייסט קארנעליוס'ן, האט ער זיך געטראכט, אז ער איז א מענש און ניט קיין מלאך. קיין מענש איז אומ-שטאנדע צו וויעדערשטעהן דיא פראבע, ווען אזא הערליכע שעהנהייט ווינשט צו געניסען זיין ליעבע.

און קארנעליוס איז ווירקליך געווען פערליעבט אין באבעטא'ן. ער האט גע-

ועהן איהר בילד פאר זיינע אויגען בייא טאג אין ביי נאכט, און זיך ווידער פאר־געשטעלט, אז יוסף'ן האט זיך געוויס ניט געמאכט אזא געלעגענהייט, זאנסט וואלט ער דעם נסיון ניט געקענט ווידערשטעהן.

וויא מיר האבען שוין פריהער בעמערקט, איז קארנעליוס געווען א געוויסען־האפטער און מאראלישער יונגערמאן, טראץ זיין לעצטען ענטשלוס צו בעזוכען מאדאם באבעטא און געניסען איהר ליעבע. זיין איינגעבארענע איינענשאפט פון מאראליטעט, פון רעכט און אונרעכט, האט איהם געקלאפט אויף זיין געוויסען און אזא פראגע האט זיך איהם געשטעלט:

„מילא זיא, מאדאם באבעטא, האט א פאלקאמענע רעכט צו געניסען פער־גניגען אויף וועלכער ארט זיא וויל, ווייל זיא איז ניט וועניגער מענש אלס איהר מאן. יעצט איז אבער דיא פראגע איבער מיר זעלבסט: האב איך א רעכט איינ־צודרינגען אין הויז וואו עס הערשט פאמיליען־גליק און בעטריגען איין אנדערן מאן הינטער מיינע פלייצעס? וואלט איך וועלען מען זאל דאס מיר טהאן?"

זיין גערעכטיגקייטס־געפיהל האט איהם זעהר געפלאגט און אנשטאט וואס ער האט פריהער בעשלאסען צו געהן נאכזעהן באבעטא'ס גארטען, אום צו וויסען וויא אריין צו געהן, איז ער געבליעבען צו הויז פערטיעפט אין געדאנקען.

ער האט געטראכט און איבערלעגט ביז שפעט אין דער נאכט און איז גע־קומען צו פאלגענדען בעשלוס:

„ווען א פרוי הייראטעט מיט איהר געליבטען; ווען איהר מאן איז זיטליך און מאראליש וויא זיא; ווען ביידע זיינען פון עהנליכע יאהרען, פאסענדע ערציהונג און פאסענדע כאראקטערע; ווען ביידע שליסען דעם הייראטסבונד אויס געגענ־זייטיגער נייגונג און דאן בילדעט זיך צווישען זייא א ליעבע און פריינדשאפטס־בונד, איז דער מאן פון איין זייט און דיא פרוי פון דער אנדער זייט, פעראייניגט דורך טרייהייט, איבערגעבענהייט און ליעבע. אזא פעראייניגונג ווערט ניעמאלס גע־בראכען אדער פערלעצט דורך אונטרייהייט.

„ווען מאדאם באבעטא האט געלעגט איין אויג אויף מיר, האט ער זיך גע־טראכט, אז זיא האט אין דער זעלבער צייט, אויף אזא מעקווירדיגער ארט געזוכט מיין בעקאנטשאפט. דאן איז עס ערשטענס א בעוויז, אז זיא איז א שקלאפין ביי איהר מאן און זיא האט אנדערש ניט געקענט בעקענט ווערן מיט מיר, און צוויי־טענס, דאס זיא איז אונגליקליך אדער אונצופריעדען מיט איהר מאן."

זיינע ארגומענטען האבען איהם געפיהרט צום בעשלוס, אז עס גיבט קיין זאך אין דער וועלט מעהר אום איהם צוריקצוהאלטען.

16.

דיא לבנה, וויא א מעבטינעס שטיק זילבער צונעפארבט מיט א בלוט־קאליר, האט אנגעפאנגען אויפצושטייגען פון הינטער דיא ריעזינע בערג און פון זיך ארונטער געווארפען מיליאנען זילבערנע שטראהלען, וועלכע האבען געהיימניספאל געטאנצט אויף דיא פעלדער און איבער דיא בוימער.

דיא פערשיעדענע בלומען האבען געעפענט זייערע ווייסע, רויטהע, געלע און בלויע בלעטעלעך אדער בעכערלעך, אויפגעהויבען זייערע קעפעלעך און ערווארטעט אין א הייליגע שטילקייט צו עמפפאנגען זייער ליעבעס זאפט. דיא רייכע מהוי וואס האט אנגעפאנגען צו פאלען מיט דעם אויפגאנג פון דער לבנה.

אין דער אריסטאקראטישע גאס וואו מאדאם באבעטא האט געוואוינט, האבען זיך נאך געהערט ציטענווייז דיא טענער פון א גיטאר און אויך דיא טענער פון א פלייטע, וועלכע האט וויא טרוימעריש געקלאנגט אויף דעם וועלט שמערץ. דאן האט זיך נעהענטער גערוקט דיא 10טע שטונדע און אלעס איז שטיל געווארן, בלויז פון וויטען פון דיא גרויסע גערטנער, האט זיך געהערט דער זיסער קרעכץ פון א נאכטיגאל פערמישט מיט דעם אונפאסענדען און אונהארמאנישען קאנצערט פון דיא גרילען.

זאנפט האט דיא לבנה וויא איין איינזאמע קעניגין מארשירט פארווערטס איבער דעם טיעף בלויען הימעל און אלץ מעהר און מעהר פערשפרייט איהר מילדעס ליכט.

דיא שטילקייט האט געשטינען און עס האט זיך דייטליך געקענט הערען דאס שפריצען פון דעם וואסער און שפרינג־ברונען אין פראנט פון דעם גרויען פאלאסט.

א געהיימניספאלע טונקעלהייט האט געהערשט אין אלע פראנט פענסטער און דיא רוהע דער נאכט האט אויסגעשפרייט איהרע פליגעל איבער מאדאם באבעטא'ס וואהנונג.

ענטקעגען אין גארטען, האבען אויך מאנכע טענער און פרויען ארום שפא־

צירט, אבער יעדער האט נערעדט אזוי שטיל, גלייך ווי די וואלטען ניט וועלען שטערען דיא הערליכע שטילקייט.

פון דעם זייטען-טויער איז ארויס א שלאנקע געשטאלט און איז געבליעבען שטעהן. פון ווייטען האט זיך געהערט וויא דיא טהורם אוהר פון דער סט. פאול קירכע האט אויסגעקלונגען דיא 10טע שטונדע. ביי טאג האט מען ניט געקענט הערען דעם ווייטען קלאנג, נאר אין דיעזער שטילקייט, האט זיך דער מינדעסטער שארף בעמערקט.

„עס איז צייט" האט דיא שלאנקע מענליכע פיגור געמורמעלט.

עס איז געוועזן קארנעליוס.

מיט שריטע אזוי לייכט וויא א פייגעלע, האט ער מארשירט אריבער דעם וועג און זיך דערנעהענטערט צו דער לינקער זייט פון דעם גרויסן פאלאסט. ווען ער איז צוגעקומען צו דעם אלטען אייכענבוים, איז ער געבליבען שטעהן. ער האט זיך בעהאלטען אין דעם דונקעלן שאטען פון דעם בוים און איז דארט פערבליבען איינינע מינוטען, בליקענדיג פון אלע זייטען אויב יעמאנד קומט ניט איהם צו שטערן. דאן האט ער אריינגעקוקט אין גארטען. אלעס איז געווען שטיל. ער האט בעמערקט דאס זומער-הייזעל. אבער קיין זאך האט זיך בעוואויגען.

פלוצלונג האט איהם אנגעפאנגען זיין הארץ העפטיג צו קלאפען.

„און ווען דאס זאל זיין א בעטרוג?" האט ער זיך געפרעגט.

ער האט זיך אפילו ניט געקענט גענוי ערקלערן וויא אזוי מען קען איהם בעטריגען, אבער ער האט זיך דאך געשראקען.

ער איז שוין אין איין צייט געווען ענטשלאסען צוריק צו קעהרען, אבער דיא ערפאינערונג אין מאראם באבעטא'ס הערליכע אויגען האט איהם צוריקגעצווינגען וויא מאגנעט.

„איבעריגענס, האט ער זיך געטראכט, וואס קען דא געשעהען?"

ער האט געלעגט זיין האנד אויף זיין גארטעל, וויא דער נאפאליטאנער טראגענדיג זיין קינזשעל איז מיט דער ענטשלאסענהייט פון דער יוגענד האט ער אנגענומען מיט זיינע ביידע הענד דעם בוים און אנגעפאנגען גערוישלאז איהם צו בעשטייגען. ווען ער איז ארויפגעקומען אזוי הויך וויא דער פארקען איז געווען, האט ער זיך שטארק דערשראקען, א פלעדער-מויז פון אונגעוועהנליכער גרויסקייט איז גראדע דאמאלס ארויס געפלויגען פון צווישען דיא צווייגען און פערשאפט א גערויש צווישען דיא בלעטער.

קארנעליוס האט טיעף אויפגעאטהעמט, ווען ער האט זיך איבערצייגט, אז נים קיין מענש האט פעראורזאכט דעם גערויש. דאן האט ער אנגעפאנגען צו שפירען מיט זיין פוס ווייטער איין אויסגעבויגענע און דיקע צווייג. פון דארט האט ער בעטרעטען דעם אויבערן טהייל פון דעם פארקען, און לאנגזאם וויא אויף זעהר פארזיכטיג האט ער זיך ארונטער געלאזען אין הויף און איז געבליבען שטעהן אויף'ן וויכען גראז.

דאס זומער-הייזעל איז געלעגען איינגעהילט אין שאטען פון מעהרערע בוימער ארום. איידער ער איז געגאנגען ווייטער האט ער נאך אמאל בעטראכט דעם פארקען, דאמיט אין א נויטה זאל ער וויסען וויא אזוי פון דארט צו ענטרינען.

דאן האט ער פארזיכטיג זיך דערנעהענטערט צום הייזעל. דיא טהיר איז געוועזען שטארק פערדונקעלט פון דעם שאטען פון א גרויסען בוים, נאר טאפענדיג האט ער ענדליך דערפיהלט דיא זיידענע דעק, אקוראט וויא פאטער לארענצא האט איהם בעצייכענט.

מיט א ציטערענדע האנד האט ער דעם פארהאנג אויפגעהויבען און אריינגעקוקט. אויף א טישעל איז געשטאנען א לעמפעל און ניעדריג געברענט. געגענאיבער איז געלעגען דיא פארמע פון א פרויענצימער אויף א בעטעל. זיא איז געוועזען צוגעדעקט מיט א ווייסער דעק און געהאלטען איהר רעכטע נאקעטע האנד אויף דער דעק.

עס איז געוועזען באבעטא אין איהר גאנצער העררליכקייט.

זיא איז נאך נים געשלאפען.

האט זיא איהם געהערט און זיך געמאכט נים וויסענדיג? דאס האט קארנעליוס קיין צייט נים געהאט צו אורטהיילען. נאר ווען ער איז שנעל אריין אין הייזעל און זיא האט איהם ערבליקט, האט זיא זים געשמייכעלט.

עס שיינט, אז זיא האט איהם ערווארטעט. ער איז געוועזען מעהר דערשראקען אלס זיא.

— אלזא, דאך געקומען — האט זיא געמורמעלט קוים וואס ער האט געהערט.

זיין גאנצעס יונגעס בלוט האט אויפגעקאכט, און אהנע מעהר צו ווארטען, איז ער שנעל צוגעגאנגען געבען איהר, און אהנע צו רעדען א ווארט, האט ער ניעדער געקניעט נעבען איהר, ערגריפען איהרע הענד און זיא געקוסט זעהר ליידענשאפטליך.

„מיין שעהנע געטטין״, האט ער ענדליך געמורמעלט בליקענדיג אין איהרע גרויסע און ברענענדע אויגען.

„מיין גוטער פריינד״, האט זיא געענטפערט״, איך דאנק אייך ווארום איהר זייט געקומען.

זיא האט אויסגעשטרעקט איהר האנד און ארויפגעלייגט אויף זיין האלד־נאקען. זייא האבען היבשע עטליכע מינוטען ניט געשפראכען, דאן האט זיא געמורמעלט:

„איך בעט אייך, איהר זאלט פון מיר ניט שלעכט דענקען״

— ניין, ניין, האט ער געענטפערט.

— ווייסט איהר וויא לאנג איך קען אייך?

— איך ווייס ניט.

— שוין זייט 14 מאנאט. איך האב אייך געליעבט פון דעם ערשטען טאג אן. עס האט מיך געקאסט הונדערטער נעכט דענקען און טראכטען וויא אזוי איך זאל אייך האבען געבען מיר.

— ענדליך בין איך דא.

— יא, האט זיא געמורמעלט און איהם אומארמט, צודריקענדיג צו איהר ברושט.

זיא האט איהם געהייסען זיך אויפהייבען און זיך זעטצען נעבען איהר.

— „איך בעט אייך, שעהנער געליעבטער, האט זיא געזאגט האלטענדיג איהרע ליפען נעבען זיינע, איהר זאלט ניט דענקען אז איך האב נאך יעמאנדען, אויסער מיין ברוטאלען מאן, מיך איבערגעגעבען. דער טיראן האלט מיר גליך וויא איך וואלט זיין אין א הארעם. אבער דיא ליעבע, פאר זיינע אונוואהרע ליעבע, גע־פינט א וועג״.

זיא האט פון איהם געוואלט הערען אויב ער ליעבט זיא. ער האט עס איהר געשווארען. דאן האט זיא איהם דערצעהלט, אז זיא האט גוט נאכגעפארשט ווער ער איז און ווען זיא האט ערפאהרען פון זיין אנשטאנד, האט זיא איהם נאך מעהר געליעבט.

„און זעה געליעבטער האט זיא ווייטער געפלוידערט, מיר פרויען האבען ניט קיין אירטהום, איין הארץ געגען דעם אנדערן איז וויא א שפיעגעל. דאן, וועל איך דיר זאגען דיא וואהרהייט, אז איך האב פיעל געשטעקט אויף מיין שעהנ־הייט. איך האב נאר געוואלט דוא זאלסט מיר איין מאל זעהן, און דאן, האב איך געוואוסט, אז דוא וועכט מיר ליעבען. אבער דוא ביסט געוועזען צו נאריש בין

דוא האָסט בעגריפען מיין מיינונג. אבער וויא דיא זאך איז, לאָמיר ניט קלערען וועגען דער פערגאנגענהייט. דיא געגענוואַרט איז אונזערע, און לאָמיר געניסען פון דעם ליעבעס־בעכער, זאלאנג ער איז בייא אונזערע טירען.

דיא שעהנע באַבעטאַ האָט געשפּראָכען דיא וואהרהייט, און קארנעליוס איז געוועזען איבערראַשט פון דער הייסער און ליידענשאַפטליכער ליעבע פון דיעזער שעהנהייט.

ווען עס האָט אָנגעפאַנגען צו טאָגען, האָבען זייא ביידע איינגעזעהן, אז דיא צייט איז געקומען זיך צו שיידען.

„אָבער זעה, מיין שעהנער קארנעליוס", האָט זיא געזאָגט. דוא זאָלסט מיר זיין טריי, זאָנסט קען איך גראַדע אזוי האַסען, וויא איך קען ליעבען".

קארנעליוס איז אוועק מיט דעם זעלבען וועג דורך וועלכען ער איז געקומען און אלעס וואָס ער האָט געהערט צו לעצט פון באַבעטאַ'ן, איז געווען „פּיטוואַך".

17.

ווער עס האָט רעכט, דיא פּראַקטישע וועלט אָדער דיא טהעאָרעטישע פילאָזאָפען, וועלכען מיר איבערלאָזען פיר רוהיגע קעפּ צום ענטשיידען. מיר וועלען דאָ נאָר פּאָר א ציקאָוועס ברענגען זייערע ביידע דעות.

דיא טהעאָרעטישע פילאָזאָפען בעהויפּטען, אז דער מאַן איז בעשאַפען געוואָרען מיט דער טבע צו האָבען מעהרערע ווייבער. מען קען דערצו נעהמען אלעםביישפּיעל דעם האהן, דעם בוהאַי, דעם באָק, און אנדערע חיות. דיא נאַטור האָט עס אזוי איינגעריכטעט, אז דיא נקבה זאָל זיך צופריעדען שטעלען מיט א טהייל פון א מאַן, ווערהענד דער מאַן זאָל האָבען מעהרערע נקבות דערפון שטאַמט די פּאָליגאַמיע (פּיעל ווייבערייא.) מיט דעם פאַרשריט פון דער וועלט, איז ענטשטאַנ־דען דיא מאָנאָגאַמיע (איינווייבערייא), און על פּי שכל פון דיא טהעאָרעטישע פּי־לאָזאָפען, דאַרף זיך דיא פרוי פּאָזיטיוו צופריעדען שטעלען מיט איין מאַן. אָט דאָס איז דיא טהעאָריע. נאָר דיא פּראַקטיק איז א גאַנץ אנדערע.

דיא פּראַקטיק בעווייזט אזוי אז ניט גענוג וואָס אַנשטאָט א טהייל פון א מאַן, קריעגט דיא פרוי א גאַנצען מאַן פיר זיך, איז עס פּיעלע נאָך ניט גענוג. די פרוי איז דערמיט ניט צופריעדען. לאָמיר נעהמען אלס ביישפּיעל מאַדאַם באַ־בעטאָ. איהר מאַן, ווען אפילו א ביסעל עלטער פון איהר, איז ער דאָך געווען א

נעהנדער און שטארקער מענש וואס האט געקענט פאלקאמען צופריעדען שטעלען א יונגע און געזונדע פרוי. דאן, ווען מען האט אזא שעהנע פרוי וויא מאדאם באַ־בעטא איז געווען, איז עס קיין וואונדער ניט, ווען מען געהט ניט זוכען קיין אנדערע. ער איז אלזא געווען פיר איהר אליין. און דאך, האט זיך איהר ליעבענדע ברוסט. נאך ניט דערמיט צופריעדען געשטעלט און געזוכט ליעבע אנדערסוואו.

ווען קארנעליוס איז ערשיענען דעם נעכסטען מיטוואך, איז געווען א קיהלע נאכט. באבעטא האט איהם ערווארטעט אין דעם געוועהנליכען פלאטץ פון גארטען אבער וויא זיא האט איהם נאר ערבליקט, האט זיא איהם איינגערויסט:

„ניט דא, מיין געליעבטער".

„וואס מיינסטו?" האט ער געפרעגט ערשטוינט.

„דא איז קיהל און אונבעקוועהם"

„זיא האט אנגענומען זיין האנד, און גאנץ שטיל האט זיא מיט איהם ארויף שפאצירט אין פאלאסט. זיא האט איהם אריין געפיהרט אין א צימער פון צווייטען שטאק וואו עס איז געווען פינסטער. דאן האט זיא אנגעצונדען עטליכע ליכט וואס זיינען געשטאנען פארבערייטעט אין זילבערנע לייכטער אויף א טישעל.

דיא פענסטער זיינען געווען פערהאנגען מיט דיקע פארהאנגע, דאמיט קיין שטראהל זאל זיך ארויסזעהען. דאן האט זיא פערשלאסען דיא טהיר און קארנע־ליוס האט זיך ארומגעקוקט אין צימער. דאס איז געווען 15 פוס לאנג און 12 פוס ברייט. אין מיטען איז געשטאנען דער טיש מיט דיא לייכטער, און לינקס פון דעם איינגאנג איז געשטאנען א בעט, אויסגעשפרייט מיט שנעע ווייסער בעט־צייג. איבער דעם בעט, פון דער שטעליע ארונטער, איז נאכגעהאנגען א האלבער פארהאנג פון רויטע זייד. אויף דער וואנט נעבען בעט, איז געהאנגען א בילד און פארגעשטעלט וויא געטין ווענוס ווערט געבוירען פון דעם שוים פון ים. דאס בילד איז געווען געמאלען פון א קינסטלער־האנד און האט פארגעשטעלט א מערקווירדיגע שעהנע פיגור פון א פרויענצימער. ווענוס ערשיינענדיג פון דעם ים, איז זיא געווען גאנץ נאקעט. איהר געזיכט איז געווען האלב אבגעווענדעט און לאנגע בלאנדע האאר האבען בעדעקט איהרע שנעע־ווייסע שולטערן. דיא ברוסט האט פארגע־שטעלט עפעס וויא דאס פרישעסטע און אנציהענדסטע אין א פרוי. דער ניעדער־יגער טהייל האט געציינט א שעהנע טאליע און דאן האט בעפאלגט דער ברייטער און ענטוויקעלטער קערפער.

קארנעליוס איז געבליעבען שטעהן פאר דיעזען בילד פול בעוואונדערונג. עס

עס איז געווען, און זיינע אויגען דיא פרויענשאפט זעלבסט, און ער האט מיט מער נוס־בליקען פערצעהרט יעדען צוג פון איהר הערליכען קערפער.

אין צימער האט זיך ארום געיאגט א רייצענדער פארפיום נערוך וואס האט געווירקט וויא עפעס א בעליבענדע משקה אויף דיא נערווען. ווען קארנעליוס איז זאט געווארען קוקענדיג אויף דער געטטין ווענוס, האט ער זיך אומגעווענדעט צו דער אנדער זייט און דערזעהן א דיוואן אדער סאפא בעדעקט מיט גרינער און רויטער זייד און דארויף איז געלעגען א בלוט־רויטעס קישען. איבער דער סאפא האט געהאנגען א בילד פון דעם שעהנעם יינגלינג אדאנוס, א געוואוינליכער שטערבליכער, נאר אין וועלכען דיא געטטין דער שעהנהייט, ווענוס, האט זיך פערליבט, און צוליעב איהר געטליכע ליעבע, האט זיא איהם אויך געמאכט פאר א גאט.

אדאנוס איז געווען געקליידעט אין א לאנגעם גריכישעס העמד, צוזאמענגעבונדען אין מיטען מיט א גארטעל. זיינע פיס זיינען געווען נאקעט. אויף זיינע שולטער איז געשטאנען דער שעהנסטער מענער קאפ וואס א קינסטלער־האנד קען נאר מאהלען און דיעזער קאפ האט געטראגען פעך־שווארצע און געקרייזעלטע האאר. א פאאר גרויסע אויגען האבען ארויס געקוקט פון צווישען דיא ווימפערן און האבען אויסגעדריקט אזוי פיעל צערטליכקייט און ליעבע, דאס קארנעליוס, אבוואהל א מאן וואס איז בטבע אייפערזיכטיג אויף יעדען שעהנערן מאן, האט זיך נים געקענט צוריקהאלטען פון בעוואונדערונג.

יא, אדאנוס האט פארגעשטעלט דיא פאלקאמענע מענליכע שעהנהייט, און איהם האט שוין נים געוואונדערט וואס דיא גריכישע לעגענדע דערצעהלט, אז א געטין האט זיך אין איהם געקענט פערליעבען.

נעבען דיעזען בילד איז געשטאנען א קלענערעס בילד, פארשטעלענדיג דיאנא, דיא געטין דער יוגענד, זיא מיט אנדערע געטטינען, אלע מייסטענטהיילס נאקעט, און מיט בוינענס אויף נאקעטע שולטערן, יאגען זיך נאך א הירש מיט פרעכטיגע גרויסע הערנער. ביי דער זייט פון דיעזען בילד, איז געשטאנען סאטיר, דער גאט פון וויטץ און הומאר, פארשטעלענדיג דעם אויבערן האלבען קערפער פון א קאמישען מענשען און דעם ניעדריגען טהייל פון א באק.

אויך דאס איז געווען א קונסט בילד, און קארנעליוס, זייענדיג א קונסט ליעבהאבער, האט אויף איין אויגענבליק פערגעסען צו וועלכען צוועק ער איז אריינגעקומען און זיך שטארק פערטיעפט אין דיא בילדער.

אין צימער איז דיא גאנצע צייט געווען זעהר שטיל. פלוצלונג איז דיעזע שטילקייט אונטערבראָכען געוואָרען דורך א לייכטעס און זעהר זיסעס געלעכטער.

דאס האט קארנעליוס'ן אויפגעוועקט. זיך אומקוקענדיג, האט ער דערזעהען מאדאם באבעטא שטעהענדיג אויף'ן בעט מיט איהר רוקען צו דער וואנד פאַר־שטעלענדיג דאס ווענוס בילד.

זיא איז געווען גאנץ נאקעט און שטעהענדיג מיט איהרע פיס אויף דעם שנעע־ווייסען בעט־געוואנד, האט זיא אויך באלד אויסגעזעהן וויא ווענוס אויפ־שטייגענדיג פון דעם ווייסען מעער־שוים.

איהר לייב איז געווען רויטליך וויא א רויז וואס פאנגט אָן זיך צו צייטיגען. איין האנד האט זיא געהאלטען ביי איהרע אויגען און דיא אנדערע אויף איהר הערץ.

קארנעליוס האט בעטראכט דיעזע פיגור און ער איז נאך מעהר וויא איבער־ראשט געוואָרען. מאדאם באבעטא נאקעט, איז געווען פיעל שעהנער וויא אנגע־צויגען אין איהרע שעהנסטע קליידער. איהר פיגור איז געווען א פאָלקאָמענע און זיך דערמאָנענדיג אן ווענוס'ן, האט ער בייא זיך געטראכט, אז דיא געטטין אליין וואלט זיא בעדארפט מקנא זיין.

— נוא, מיין קארנעליוס — האט זיא געמורמעלט פערפיהעריש — וויא געפעהל איך דיר יעצט?

קארנעליוס'ן איז דאס אלעס פאָרגעקומען וויא אין א צויבער־טרוים און ער האט געשפירט א לייכטען שווינדעל, גלייך וויא ער וואלט מורא געהאט, אז אזא בילד קען ניט לאנג אָנהאלטען און וועט מוזען פערשוואונדען ווערן.

— יעצט וויל איך אין דיר זעהן אדאָנוס'ן — האט זיא ווייטער געמורמעלט. דאָרט אויף'ן שטוהל, ליעגט א העמד דאפיר.

קארנעליוס האט ערבליקט אין א ווינקעל שטעהענדיג א שטוהל, אויף וועל־כען עס איז געלעגען א העמד.

אנפאנגס האט ער געצעגערט, אבער וויא זיא האט איהם געדרונגען, האט ער זיך פערוואנדעלט אין איין אדאָנוס.

מאדאם באבעטא איז דאן אראונטער פון בעט און איהם אומארמט מיט איהרע דיקע און שטהנע הענד.

— בין איך אביסעל אזוי שעהן וויא ווענוס? — האט זיא געפרעגט.

— נאך שעהנער! — האט ער געענטפערט דאס מיינענדיג אויפריכטיג.

— און דוא ביזט מיין אדאנוס! — האט זיא געענטפערט מיט בע־גייסטערונג.

זיא זיינען אייגיגע אוינענבליקען געשטאנען אין א גליקזעליגער אומארמונג, און דאן האט זיא געזאגט:

— האסטו געלעזען איבער דעם נעקטאר?

קארנעליוס איז געוועזן בעצויבערט, און אבוואהל ער האט גאנץ גוט גע־וואוסט וואס דער נעקטאר איז, האט ער דאך ניט געענטפערט.

— נעקטאר, האט זיא פארטגעזעצט, איז געוועזן דער ליעבעס־געטראנק פון דיא געטער. קום, לאמיר אויך דערפון טרינקען.

זיא האט אויסגעשטרעקט איהר מויל און דאס אריינגעדריקט צווישען זיינע ליפען, מורמלענדיג:

— טרינק!

ער האט אנגענומען איהרע ליפען און זייא געזויגען.

דאן האט זיא איהם צוגעפיהרט צום בעט און איינגערוימט אין זיין אויער:

— דיא יוגענד איז דאס לעבען, דיא יוגענד איז די וועלט. גענוס פון ליעבע שטעהט העכער וויא דער גענוס אין פאטער לארענצאס, גן עדן. לאמיר פארגעסען אן דער איבריגער וועלט און יעצט נאר לעבען אין אונזער וועלט......

און זיי האבען געלעבט.

18.

„אזוי ליעבען, אזוי וויטהענד ליעבען!" האט קארנעליוס דעם אנדערן טאג צו זיך געמורמעלט. „דאס איז א זיסע שרעקליכקייט! זיא האט אויסגעקניפען מיין גאנצעס לייב. איהרע ציין האט זיא פערזונקען אין מיין האלז און אין מיינע הענד. וויא א וואמפיר האט זיא פון מיר געזויגען דאס בלוט."

ער האט נאכגעדענקט אין שטילען.

„איך וויל דיך אויפעסען!" האט זיא אויסגעשריען אין דיא מאמענטען פון איהר אויפרעגונג. ער האט זיך עראינערט וויא איהרע אויגען זיינען דאמאלס צוויי מאל אזוי גרויס געווארען וויא געוועהנליך און עס האט אויסגעזעהן, גלייך וויא פייער וואלט פון זיי געשפריצט.

איהרע ווייסע צייהן האט זיא יעדעס מאל ארויסגעשטרעקט וויא א ווילדע

חיה און מיט איין אונטערדריקטען געשריי האט זיא איהם ארומגעכאפט מיט איהרע הענד און אזוי שטארק געדריקט, דאס זאגאר זיין שטארקער מענליכער קערפער האט דאס געשפירט.

דאן, וויא איהרע האאר זיינען צוואָרפען געוואָרען איבער איהרע נאקעטע שולטערן און ברוסטען און האלטענדיג איהרע צייהן איינגעגראָבען אין פלייש פון זיין האנד, האט זיא געברומט:

„נעה, נעה, דוא קענסט מיך ניט ליעבען!"

„וואס הייסט נאך ליעבען? האט זיך קארנעליוס געפרעגט. וויא קען עס מעגליך זיין נאך מעהר צו ליעבען? זיא איז א מערקווירדיגעס פרויענצימער"....

קארנעליוס האט פארטגעזעצט יעדען מיטוואך זיינע בעזוכע און מאדאם באבעטא האט איהם איבערצייגט, אז ער האט ווירקליך נאך ניט געוואוסט וואס עס הייסט ליעבען, איידער ער האט זיא דערקענט.

יא, זיא האט איהם אויסגעלערענט ליעבען און זיא האט פערשטאנען וויא אויפצוקאָכען זיין בלוט, עס זאל לויפען וויא קאָכענדעס וואסער דורך זיינע אדערן.

צו דיעזען צוועק האט זיא אימער געהאט פארבערייטעט א שטיק ווילדעס פלייש, וואס איהר מאן פלעגט צו שיקען פון זיין יאגד, דאס פלייש, געבראָטען, איז געווען געטונקט אין רויטען פעפער און דאן האט א מאדיירא ווין ארונטער געוואשען דעם ברענענדען פעפער.

מאדאם באבעטא האט געקענט טרינקען איין פלאש נאך דער צווייטער און קארנעליוס האט איהר עס געמוזט נאכטהאָן.

נאך אזא נאכט, פלעגט קארנעליוס, אליין געוועהנליך, בלייבען ליעגען האלב טויט פאר מיעדקייט. אין איין פאר טאג בשעת ער האט בעדארפט אהיים געהען, האט איהם באבעטא ניט געקענט ריהרען פון בעט.

זיא האט פרובירט איהם צו געבען אויפניכטערונגס מיטלען אבער עס האט ניט געהאלפען. דאן האט זיא איהם איינפאך געלאזען שלאפען ביז 10 א זייגער אין דער פריה. איהר מאן איז וויא געוועהנליך אהיים געקומען פאר נאכט, און אלעס וואס זיא האט בעמערקט איז געווען, אז מען זאל אין הויז ניט ערפאהרען דאס דארט געפינט זיך א פרעמדער מאן.

ארום 10 א זייגער איז זיא אריינגעקומען צו איהם געהייסען ער זאל זיך אנציהען פרויענקליידער וואס זיא האט איהם דערלאנגט.

קארנעליוס איז דאן ארויס פון הויף אלס פרוי.

אויף דער פראגע פון דער גוווערנאנטקע וואס דיא פרוי האט געוואלט

האט זיא געענטפערט, אז דאס איז איהרע איין אלטע בעקאנטע, זיא נעהמט ארום קלייבען נדבות פאר דיא אלטע גלחים פון געאפעל.

ווען דיא ארבייט אין דיא וויינגערטנער האט אויפגעהערט, האט מאדאם באבעטא פערלארען איהר פרייען אבענד פון מיטוואך אויף דאנערשטאג און זיא האט אנגעזאגט קארנעליוסען, ער זאל בייא נאכט קומען צום פארקען און ערווארטען א בריעף ליעגענדיג אויף א בעשטימטען פלאץ פון דעם דיקען בוים.

דיעזער בריעף האט בעדארפט בעשטימען וואו און וויא אזוי מען זאל זיך נעכסטענס בעגעגענען.

אויפ'ן דריטען אבענד האט ער געטראפען א בריעף אין וועלכען עס איז אויך געלעגען א שליסעל.

דער בריעף האט ענטהאלטען פאלגענדעס:

„מיין געליעבטער! עס איז מיר אונמעגליך געוועזען צו געפינען איין אנדערן און זיכערערן פלאטץ אויסער מיין הויז. איבריגענס איז מיין מאן אימער זעהר אייפערזיכטיג און ער לאזט מיך קיין מאל ניט ארויס פון הויז. ווען איך וויל ערגעץ געהען, דאן מוז ער מיך בעגלייטען. אין הויז זעלבסט, וויא דוא ווייסט פאסט אויף מיר אויף דיא דיענערשאפט. טראַץ דעם אלעמען האב איך בעדענקט, אז דאס הויז, איז דאס זיכערסטע מיטעל. דוא קענסט דאך אונזער ליעבלינגס־צימער? מיט דרייא טיהרען וויטער, וועט פאסען דער שליסעל, קום הייטע אבענד אום 12 אוהר. שליעס אויף גאנץ רוהיג און קום אריין. איך וועל שוין זיכער קומען צו דיר".

19.

קארנעליוס'ן איז געוועזען זעהר אונאנגענעהם צו מאכען אזא שריט. סטייטש, געהען צו א פרוי און צו ברענגען מיט איהר א נאכט, וועהרענד איהר מאן איז אין הויז? ווארום האט זיא בעסער ניט געווארט אויף איין אנדערע געלעגענהייט? וואס האט זיא קיין צייט ניט?

אבער קארנעליוס איז שוין געוועזען אונטער איהר איינפלוס און ער האט זיך געזעהען געצוואונגען אז ער מוז פאלגען.

מיט א ציטערנדעס הארץ איז ער בייא נאכט ערשיענען, אריבער געקראָכען דעם פארקען פארזיכטיג אריין אין הויף און דאן אין פאלאסט. ער איז ארויף

דיא טרעפען מיט דער לייכטינקייט פון קאטצען־פיס און אבוואהל אין קארידאר איז געוועזן פינסטער, האט ער דאך געפונען זיין וועג.

אנקומענדיג נאהענט פון דעם צימער וואו ער האט זיך שוין אזוי פיעל מאל געליעבט מיט מאדאם באבעטא, האט ער געהערט שטימען. ער איז געבליעבען שטעהען און האט זיך צוגעהערט.

„לאז מיך אב", האט ער געהערט און דערקענט באבעטאס שטימע.

— ווארום? האט זיך געהערט א גראבע און ברוטאלע מענער שטימע.

— ווייל איך בין קראנק.

— קראנק?

— יא, דוא גלויבסט מיר נים?

— באבעטא'ס מאן האט נאך עפעס געברומט און קארנעליוס האט מעהר נים געוואלט הערען. ער האט אבגעצעהלט דריי טהירען, דאן האט ער אויפגעשלאסען דיא בעצייבענטע טיהר און איז אריין אין צימער וואס איז געוועזן שוואך בעלייכטעט פון איין עהל־לעמפעל. דארט איז געוועזן ב.ויז איין בעט. ער האט זיך אוועק געזעצט און געווארט.

ער איז אזוי אבגעזעסען בייגאהע א שטונדע, ווען ער האט דערהערט הויכע שטימען.

— וואוהין געהסט דוא? האט ער געהערט מאדאם באבעטאס מאן פרעגען.

— אוועק פון מיר, בארבאר! האט זיא געענטפערט.

דיא שטימען זיינען געוועזן בייא דער טהיר פון זיין צימער.

א שרעקליכער געדאנק איז קארנעליוסען דאמאלס איינגעפאלען.

„וואס וויל זיא טהאן?" האט ער זיך געפרעגט.

ער האט אליין נים געוואוסט וואס ער זאל זיך ענטפערן, אז ער האט זיך פארגעשטעלט, אז דער מאן וועט איינברעכען אהין אין צימער, און דאן.... קארנעליוס האט געשפירט זיין שטיך מעסער און זיך פארטיג געמאכט צום פערטהיידיגען.

דאן האט זיך דיא טיהר שנעל געעפענט, א לייכטע פיגור איז אריין גערשפרונגען און פערשלאסען דיא טהיר אינוועניג.

עס איז געוועזן באבעטא.

קארנעליוס'ן האט זיא בעגריסט מיט א גליקליכען שמייכעל און צוגעלייגט איהרע פינגער צום מויל, וויא איהם אנצוצייגען ער זאל שווייגען.

„מאך אויף !“ האט ער געהערט דיא גראָבע מענער־שטימע פון דרויסען.

„נעה שלאָפען“, האט זיא גענטפערט פון אינוועניג. נעה שלאפען, איך בין קראנק, לאז מיך רוהען; געדענק, עס וועט דיר באנג טהאָן....

דיא מענער־שטימע פון דרויסען האט געמורמעלט עפּעס א פלוך און איז דאן אוועק.

אין ערשטען מאמענט ווען באבעטא'ס געזיכט האט זיך געווענדעט צו קארנעליוס'ן, איז דאס געווען פערפינסטערט. דאן האט זיך עס אויסגעלייטערט און א גליקליבער שמייכעלע האט זיך בעוויעזען איהם ערבליקענדיג.

זיא איז צו איהם צוגעלאפען און אומארעמט קושענדיג זיינע ליפען ליידענשאפטליך.

קארנעליוס איז געזעסען וויא פערשטיינערט. ער האט זיך נים געקענט ריהרען פון פלאטץ. אבער אויך באבעטא האט נים געוואגט צו ריידען קיין ווארט.

שטונדע נאך שטונדע איז פאראיבער און דיא צווייא געליעבטע זיינען געבליעבען אונגעשטערט. פלוצלינג האט זיך דערהערט וויא יעמאנד געהט אום ביים שליסעל־לאך מיט א שליסעל.

באבעטא האט געוואונקען צו קארנעליוס'ן ער זאל שוויינען. דיא איז אויך געבליעבען ליעגען שטיל און געווארט. דיא טהיר איז געווען פערשלאסען פון אינוועניג און דער שליסעל האט דארט געשטעקט. עס איז דערפאר אלזא אונמעגליך געווען פון דרויסען עפּעס צו טהאָן.

דאן האט זיך געהערט א גראָבע מענער־שטימע.

באבעטא! באבעטא!

באבעטא האט נים גענטפערט. מיט א מינוט שפעטער האט ער ווידערהאלט דיזעלבע ווערטער.

מאדאם באבעטא האט גענטפערט וויא שלעפעריג.

— ווער איז דארט?

— איך, באבעטא מאך אויף!

— זיא איז ארונטער פון בעט און פאלגענדעס געשפרעך האט שטאטגעפונדען:

— אום גאטעס ווילען, האט זיא געזאגט, „לאז מיך רוהען, איך בין זעהר קראנק“.

— דאן לאז מיך אריין זעהען וואס דיר פעהלט.

— ניין.

— וואָרום ?

— ווייל איך קען דיר ניט אריינלאָזען.

— זאָג מיר דיא אורזאכע.

— ווייל דוא ביסט צו גרויזאם און האסט קיין מיטלייד.

— מעגסט אויפמאכען, איך וועל דיר גאר ניט טהאָן.

— ניין.

— מאך אויף, זאָג איך.

— געה אוועק, פאלג מיך.

— דאַן וועל איך אויפברעכען דיא טהיר.

— ביסטו משוגע ?

— דוא קענסט איינעם טרייבען צו שנעלה.

— דוא וועקסט דאך אויף דאס גאנצע הויז !

— עס קימערט מיך ניט. מאך אויף, ווייל איך וועל מאכען דעם גרעסטען סקאנדאל.

— ניין, איך וועל אויספיהר'ן מיינעס. נאר ווען דוא ביסט אזא צודרינגליבער מענש, דאן געה אריין אין דיין צימער און באלד וועל איך דיר נאכקומען.

— וויא לאנג וועט עס דויערן.

— א פערטעל שטונדע.

— גוא, געדענק....

— דאן האבען זיך געהערט שרים איבער דעם קארידאר און באבעטאס מאן האט געפאָלגט.

20.

ענטשולדיגט מיר געליעבטער, האט זיא צו קאראנעליוס'ן געזאגט. איך מוז געהען. דוא זעהסט דאך. ער איז א שרעקליכער מענש. אבער זאָ שנעל וויא איך וועל פון איהם בעפרייעט ווערען, קום איך צו דיר צוריק.

קארנעליוס האט געשוויעגען ער האט אין דיעזער פרוי געזעהען א מערקווירדיגע פערמישונג פון געטליכער שעהנהייט, וויכדע רייץ און געמיינעס בעטרוג. ער האט זיא אויך געאכטעט נאך דיעזע געפיהלע.

שטילשווייגענד האט ער בעפאָלגט איהר אויפטרויען און פערלאסען דיא טהיר פון איגוועניג.

מאדאם באבעטא, נאך פריש מיט די קושען פון געליעבטען אויף איהרע ליפען, איז זיא אוועק צו איהר מאן.

די אייפערזיכטיגע געפיהלע וואס האבען אנגעפאנגען צו קאכען און זידען אין קארנעליוס'ן, האבען איהם אונגעהייער בעאונרוהיגט אבער אויך געגען באבעטאן איז ער ניט געווען ווענינ אויפגערעגט.

אונטערדעסען האט ער זיך געשפירט זעהר אונבעקוועהם און געוואלט לויז ווערען פון דארט. נאר אזוי וויא ער איז געווען אונטער איהר איינפלוס און זיא האט איהם געהייסען ווארטען, האט ער זיך צוגעשפארט אויפ'ן בעט און האט אזוי איינגעדרעמ לט.

ווען ער האט ערוואכט, האט ער שוין געקענט בעמערקען העלעס טאגעס־ ליכט דורכדרינגען דורך די שפאלטען פון די פארהאנגע.

דער שליסעל האט נאך אימער געשטעקט אין דער טהיר וואו ער האט איהם ארייגגעשטעלט.

קארנעליוס האט זיך דערשראקען.

— וויא וועל איך קענען יעצט ארויס פון דאנען ? האט ער זיך געפרעגט. דאן האט ער זיך דערמאהנט אן דעם מאל ווען באבעטא האט איהם פון דארט אועקגעשיקט אין פרויען קליידער, ער האט אבער אזא סצענע מעהר ניט געוואלט דורכמאכען, וויל עס האט דאמאלס געקאסט זעהר פיעל מיה לויז צו ווערען פון דיעזער קליידונג.

נאר ער האט זיך אנדערש ניט געקענט העלפען און געמוזט צופריעדען זיין וואס עס וועט פאסירען, אבי לויז צו ווערען.

פון דעם פלאטץ האט ער זיך ניט געריהרט און געווארט. דאן האט זיך געהערט א לייכטער קלאפ אין טהיר.

ער איז צוגעגאנגען אויף די שפיטץ פינגער און זיך צוגעהערט.

„קארנעליוס, מאך אויף, האט ער געהערט א ניעדעריגע שטימע פון דרויסען און דערקענט באבעטאן.

„וויא דיעזע פרוי וואנט אלעס" האט ער זיך געטראכט, און אין יענעם מאמענט, האט ער זיא פערבאכטעט.

לאנגזאם האט ער אויפגעשלאסען, און באבעטא, געקליידעט אין א מארגען אנצוג אזוי פריש וויא בלום, איז אריין געשפרונגען. זיא האט באלד פון אינוועניג צוריק געשלאסען די טהיר.

זיא האט קארנעליוס'ן ווידער אומארמט און איהם געקוסט. אבער ער איז געווען קאלט צו איהר.

— באבעטא, אום גאטעס ווילען, האט ער געמורמעלט — בעפרייע מיך פון דאנען, וואס וועל איך דא טהאן?

— ששש, האט זיא געענטפערט פערשטיקענדיג זיין שטימע מיט א קוס.

„עס איז אונמעגליך, האט זיא געמורמעלט, איך קען דיך היינט פון דאנען ניט ארויסלאזען, וויל ער איז אין דער היים. ווארט, גלייבטער, ווארט ביז עס וועט דונקעל ווערן און ער וועט אוועקגעהן אין קלוב, דאן וועסטו ארויס אונגע־שטערט."

וויא א צויבערין האט זיא זיך ווידער צו איהם איינגעשמייכעלט און איז פערבליעבען נעבען איהם א פאר שטונדען.

— ער איז א בעסטיע, האט זיא געזאגט מיינענדיג איהר מאן — איך האס איהם. אך, ווען איך זאל קענען לויז ווערן פון איהם!

אין איהרע אויגען האט זיך בעוויעזען איין אונהיימליכער גלאנץ, וועלכער האט זאגאר קארנעליוס'ן אויפגעציטערט. זיא האט אויסגעזעהן אין יענעם אויגענ־בליק וויא א דעמאן פון ראכע.

קארנעליוס האט קיין אנדער ברירה ניט געהאט און איז געצוואונגען געווען צו בלייבען ביז אבענד.

באבעטא האט איהם געבראכט עסען און ויין א פאר מאל און אזוי איז פאראיבער דער טאג.

21.

ווען עס איז דונקעל געווארען, איז זיא ווידער צו איהם געקומען.

— באלד, באלד, וועט ער געהן צום טייפעל — האט זיא געזאגט — נאר ביז דאמאלס וויל איך דוא זאלסט מיך ליעבען.

ער האט געשוויעגען און גאר ניט געענטפערט.

— ליעבסטו מיך, קארנעליוס? — האט זיא פלוצלונג געפרעגט האלב ברוטאל.

קארנעליוס האט זיך עראינערט אן דער פערגאנגענער נאכט און ער האט געשפירט איין עקעל. אבער בליקענדיג נאך אמאל אין איהר הערליכעס געזיכט, האט ער זיך געשפירט מאכטלאז אין איהר געגענווארט און געענטפערט:

„יא איך ליעב דיך, באבעטא. ווער וואלט דען געקענט ווערערשטעהען דיין צוויבער?"

דאן האט זיא איהם אומרעמט און געמורמעלט:

„אבער געדענק, איך וועל נאך אמאל שטעלען דיין ליעבע אויף דער פראבע און ווען דיר, ווען דוא וועסט מיר זיין פאלש".

ווען קארנעליוס איז אין יענעם אבענד אוועק פון באבעטא'ן, האט ער גע־שוידערט זיך דערמאהנענדיג אן איהר. ער האט געשפירט א שרעק, און אבוואהל זיא איז נאר געוועזן א פראוועציטער, האט ער איינגעזעהן, אז זיא איז מעכטיגער און שטארקער פון איהם.

אויפ'ן אנדערן טאג האט באבעטא מאן זיך בעגעגענט מיט פאטער לא־רענצא און זייא האבען געפיהרט איין אינטערעסאנטעס געשפרעך.

— און איהר פערזיכערט מיך, אז זיא איז ריין? האט ער געפרעגט דעם גלח.

— יא.

— איך ווייס, איך פערשטעה, אלע זינדער זיינען בייא אייך ריין, נאכדעם וויא זייא זיינען זיך מתודה.

— דאס איז אויך וואהר.

— אבער ווארום ווילט איהר נים איך זאל מיך איינהערען צו איהר ווידוי?

— ווייל דאס איז נים ערלויבט.

— דומהייטען! ווען זיא איז ריין פון זינד, דאן וועט דאס מיך בערוהיגען.

— עס איז געוועזן דיא איינפיהרונגען פון אונזער קירכע. דאן, וואס עס איז געוועזן ביז אהער, ווייס איך, און וואס עס וועט ווייטער זיין, קען איך נים וויסען.

— אזוי, אזוי איהר אליין צווייפעלט אויך.

— איך ווייס גאר נים, האט לארענצא געענטפערט. אבער איך קען אזוי זיך נים ערלויבען. דאן, וויא איז עס איבערהויפט מעגליך, אז איהר זאלט דערבייא זיין.

הערט מיך אויס, פאטער. איך גיב אייך אין דער האנד אריין, א סומע פון 500 לירא. איהר זאלט עס אוועקגעבען דער קירכע. איהר קענט דאך מיין שטודיר צימער? גוט, זעהט נאר איהר זאלט איהר אריינגעהמען אהין זיא זאל זיך מתודה זיין. זעצט זיך נעבען מיין שרייב טיש. איך וועל שוין דאן זיין נעגנוג נאהענט אום איך זאל קענען הערען.

עס איז אפילו נעגען דיא איינפיהרונגען פון דער קירכע, אבער דאך, 500 לירא, צום הייליגען צוועק קען אלעס פערצייהען.

— מילא, וואס זאל איך טהאן ווען איהר ווילט אזוי, האט פאטער לארענצא געמורמעלט מיט א פרומע מינע.

ער האט איהם באלד אויסגעצאהלט דיא פערשפראכענע סומע, און אויף'ן אנדערן טאג האט ער געהאט א געלעגענהייט צו הערען זיין ווייבס ווידוי אין דער געגענווארט פון פאטער לארענצא.

22.

פאטער לארענצא איז ניט געווען קיין נאר, און וויא אלע פרומע גלחים, האט ער ניט געוואלט נעהמען קיין געלד אומזיסט, איבערהויפט אזא געלד, וואס געהט צום הייליגען צוועק פון דער קירכע.

ער האט דערפאר דורך פערשיעדענע אויסריידען און קונסט-שטיקען פערנארט מאדאם באבעטא אין איהר מאנס כעזע-צימער, אום זיא זאל זיך דארט פאר איהם מתודה זיין.

עס שטעלט זיך דא צוויי פראגען: ערשטענס, וואלט מאדאם באבעטא דערצעהלט לארענצא איבער אלע איהרע זינד? און צווייטענס, זיינען דיעזע געווען די ערסטע זינד?

אזעלכע פראגען, קען טאקי נאר איין גאט אין הימעל בעענטפערן; דער גאט וואס קוקט אריין אין דיא פינסטערע קעמערלעך פון דעם מענשענס הארצען, וויים אלעס, נאר מיר פראסטע זינדיגע מענשען מיט פערשמירטע אויגען, טרעפען וויא בלינדע אין דער פינסטער און וויסען גאר נים. יא, יא, עס האט שוין זעהער אפט פאסירט, וואס א זינדערין, האבענדיג דיא געלעגענהייט גאט זאל מוחל זיין אויף איהרע עבירות האט זיא נאר פערשוויעגען געגען דעם גלח דיא וואהרהייט, דאמיט, פיעלייכט האבען ווענט אויערן און גאסען אויגען.

מענער איבערהויפט, רעדען זיך איין, אז זייא זיינען קלוג און מיט זייערע חכמות קענען זייא ארויס קריגען דיא גרעסטע סודות פון זייערע מיטמענשען. נור אויב זייא רעכענען דיא פרויען אונטער זייערע מיטמענשען אין דיעזער בעציהונג, האבען זייא א גרויסען טעות.

פאטער לארענצא איז געקומען אין גרויסען פאלאסט ספעציעל צום צוועק אום מאדאם באבעטא זאל זיך פאר איהם מתודה זיין. אנשטאט וויא געוועהנליך ער זאל אריין געהען אין דעם צימער וואו זיא האט זיך אימער פאר איהם מתודה

געוועזן, איז ער נאָר אריין אין דעם לעזע צימער פון איהר מאַן, און מיט א דיענסט פרוי האט ער איהר געשיקט אנזאָגען, אז אזוי וויא קיינער איז ניטא אין לעזע־צימער, מעג זיא אהין קומען זאָגען איהר וידוי. דאַן ליידעט ער פון רהעאומאטיזמוס אויף דיא פיס און עס איז איהם שווער ארויפצוגעהען נאָך א טרעפּ.

אין לעזע-צימער, הינטער דעם גרויסען ביכער שראַנק, וואס איז געשטאַנען צווישען צווייא ווענט און געביקדעט א לעהרעןווינקעל, איז געזעסען מאַדאַם באַבעטאַ'ס מאַן איינגעבויגען און ערווארטעט צו הערען זיין ווייבס וידוי.

וואס האָט ער גערענקט? וואס האָט ער געוואוסט פון איהר אונעהרליכקייט? קיין וואָרט, קיין זאַך. אבער עס האָט זיך איהם געדאַכט, ער האט עפּעס געמיינט און פערדעכטיגט, נאר גענוי האָט ער ניט געוואוסט וואָס. עס האָט שוין פיעל מאָל אזוי פּאסירט וואָס מענער זיינען געווארען פערדעכטיג איבער זייערע פרויען, בלויז פון א מיענע פון א בעוועגונג וואס זייא האָבען בעמערקט.

ווען מאַדאַם באַבעטאַ האָט געהערט וויא פּאָטער לארענצא וויל אונבעדינגט זיא זאָל ערשיינען אין איהר מאַנ'ס לעזע-צימער, האָט זיא נאָכגעדענקט. זיא האָט איבערלייגט עטליכע מינוטען, דאַן האָט זיך בעוויזען א שפּאָטישער שמייכעלע אויף איהרע שעהנע ליפּען און איהרע ווייסע צעהן האָבען זיך ארויסגעציינט.

„עס איז אוודאי מעגליך“, האָט זיא זיך געטראַכט, אז מען וויל מיט מיר דאָ שפּיעלען א קאָמעדיע, דער אַלטער פוקס לארענצא איז ניט אזוי איבעריג עהרליך: אום ער זאָל זיך ניט פערקויפען צו מיין מאַן. געוויס, איך צווייפעל גאָר ניט, אז מען וויל דאָ פון מיר עפּעס ארויסקריגען צוליעב מיין מאַן. דומקעפּ וואָס איהר זייט! ווען דאס איז דער פאַל, דאַן האָט איהר צו טהאָן מיט באַבעטאַ'ן וועלכע איז קליגער פון אייך. יעדענפאַלס האָט פּאטער לארענצא זעלבסט געקענט א סך ווארטען אום פון מיר צו הערען דעם אמת. אפילו פאַר'ן פּאַפּסט זעלבסט וואָלט איך ניט דערצעהלט מיינע סודות. איך קען אייך גאַנץ גוט, איהר לומפּען באַנדע! איהר אליין זינדיגט אין א פּראָסטען מיטוואָך מעהר וויא מיר אין א יום־טוב, און פאר אייך זאָלען מיר דערצעהלען אונזערע זינד, דומהייטען, דאָס טהוען נאָר נאַרישע ווייבער. באַבעטאַ וועט עס געוויס ניט טהאָן. איבריגענס, עס איז גוט צו וויסען“.

מאַדאַם באַבעטאַ האט געשיקט אָנזאָגען פּאטער לאָרענצא, אז עס טהוט איהר זעהר לייד איבער זיינע רהעאומאַטישע שמערצען, און זא שנעל וויא זיא וועט זיך אָנציהען, וועט זיא ארונטערקומען אין איהר מאַן'ס לעזע צימער.

מיט לאנגזאמע שריט און מיט א פרומען בליק אין איהרע אויגען, איז מאַדאם באבעטא ערשיענען און געוואונשען דעם אלטען גלח א הערליכען „גוט מאָרגען“.

— ווענסט מיר ענטשולדיגען, מיין קינד, האט ער געזאגט, וואס איך האב דיך מטריח געווען. דער רהעאומאַטיזמוס פּלאגט מיך זעהר.

— עס טהוט מיר זעהר לייד, פאטער, האט באבעטא געענטפערט. נאר ביי מיר מאכט עס קיין אונטערשיעד דא אדער דאָרט, גאָט איז איבעראל און ער הערט פון אירגענד א ווינקעל דיא ווערטער פון א זינדערן אום איהר צו פערציהען.

— יא מיין גוטע טאָכטער, אזוי איז עס — האט לאָרענצא צוגעשטימט.

אָהנע וויימערע צערעמאָניען האט זיא ניעדערגעקניעט און אנגעפאנגען איהר ווידוי. זיא האט אזוי געזאגט:

— אין נאמען פון גאָט, זיין זוהן, דער הייליגער גייסט און דיא הייליגע מוטער מאריא, אָמן. ווען איך האב געזינדיגט מיט מיינע געדאנקען און מיינע מעשים, דאן זייא דוא, גאָט, מיר מוחל. איך בין א פרוי וואס זיטץ אין דער היים, אין מיין הויז, צווישען מיינע קינדער און דיענערשאפט. מיינע געדאנקען זיינען פיר מיין מאן. אבער אין דער לעצטער צייט האט זיך צו מיר אריינגעגנב'עט א צווייפעל, אז מיין מאן פערקעהרט מיט פרעמדע פרויען. ווען ער קומט צו מיר דאכט זיך מיר, אז איך שפיר דעם גערוך פון פערפיהרערישע פרויענצימער, וועלכע האבען גערוהט אין מיין מאַנס שויס. דאס האט אזוי בעאונרוהיגט מיינע געדאנקען, אז איך פאנטאזיר בייא טאג און חלום ביי נאכט דערפון. מיר דאכט זיך אז איך זעה וויא פרעמדע פרויען האלטען מיין מאן אין זייער אומארמונג. דאס האט ארויסגערופען אזוי איין עקעל ביי מיר געגען מיין מאן, אז איך קען איהם בוכשטעבליך ניט ערטראגען, און איך האס איהם. עס האט געפיהרט אזוי וויט, אז איך וויל איהם צו מיר ניט צולאָזען און איך מייד איהם אויס וויא א פעסט. איך בין ניט אין מיינע הענד, ווייל מעהרערע מאָל, ווען איך בין אליין ניט צופריעדען מיט מיין האנדלונג, איז מיר דאָך אונמעגליך אנדערש צו טהאָן. גאָט אין הימעל! איך האס מיין מאן פון מיין טיעפען הערצען, און זיין יעדע בעריהרונג רופט אין מיר ארויס א שוידער. ווען מיין פערדאכט איז אבער פאלש, אונריכטיג און זעלבסט-בעטרוג, דאן ווייס איך, אז איך בעגעה געגען איהם א גרויסע עוולה, און איך בעט וויא א פרומע קריסטין, פערציידיגט און געקרענקט, פערציהונג.

באבעטא האט זיך אונטערבראָכען, און פאטער לאָרענצא איז געוועזען גע־
ריהרט. דאן האט זיא ווידער פאָרטגעזעצט:

— לעצטען פרייטאג האב איך געגעסען פלייש, אבער איך גלויב אז דאס
איז דערפאר, ווייל איך בין זעהר געערגערט און איך האב געשפירט, אז איך בע־
נויטהיג קרעפטיגונג.

פאטער לאָרענצא האט אויפגעהויבען זיינע הענד און געמורמעלט:

— אויב דוא האָסט אונרעכט, דאן פערצייהעט דיר דער גאָט פון מיטלייד
און פערצייהונג.

23.

אך! דיא מענער, דיא מענער! זיי זיינען מערקווירדיגע ברוטאים. קוים כאפט
זיך ביי זיי אריין א צווייפעל אין הארץ געגען זייערע פרויען, איז עס שוין שווער
ארויסצורייסען.

דאכט זיך פון דעם וואס ער האט געהערט, איז שוין גאנץ גענוג געוועזען צו
פערטרייבען יעדען צווייפעל פון איהם, און דאך האט ער ערשט נאך מעהר אנגע־
הויבען צו צווייפלען.

הערט נאר פאר ציקאוועס, וויא אזוי ער האט מיט זיך אליין ארגו־
מענטירט:

„פאטער לאָרענצא איז א לומפ, דאריבער איז קיין צווייפעל. ער האט גע־
בראָכען זיין היילינגע פליכט פיר 500 לירא. פאר געלד האב איך איהם אבגעקויפט,
פאר געלד קען מען אבקויפען אלע גלחים. היינט, ווען איך האב איהם געקענט
אבקויפען פאר געלד, ווארום זאָלען עס אנדערע ניט קענען טהאָן? ווער פערזיכערט
מיך, אז דער אלטער שופט איז ניט אוועק צו מיין פרוי און איהר דערצעהלט אלעס
וואס איך האב מיט איהם אונטערהאנדעלט? איך האב איהם געגעבען 500 לירא,
און זיא האט איהם געקענט געבען טויזענד. דער בעסטער בעוויז דאפיר איז,
וואס זיא איז אָהנע פערדאכט אזוי שנעל ארונטער געקומען אין מיין לעזע צימער.
דאָן, דיא ווידוי איז צו פרום, צו הייליג און צו עהרליך. ניין און טויזענד מאָל ניין!
באבעטא איז ניט אזא היילינגע וויא זיא האט זיך פאָרגעשטעלט אין איהר ווידוי.
ניין, מאדאם, מיר וועסטו דאס ניט איינרעדען, דערצעהל עס דיין באבען."

מאדאם באבעטא'ס מאן האט קיין רעכט געהאט. ער האט יעצט בעשול־

דיגט דעם הייליגען פאטער לארענצא וויא אויך באבעטא׳ן אין אזעלכע פערברעכען פון וועלכע זיי האבען גאר ניט געוואוסט. אבער נעה גיב איין א מאן שכל! ווען ער בילדעט זיך איינמאל עפעס איין, איז עס שווער ארויסצורייסען.

דיעזער צווייפעל האט איהם געמארטערט און געמארטערט אהן אויפהער.

מאדאם באבעטא האט אונטערדעסען איהם אויך ניט געקענט מעהר ער־טראגען. זיא האט ווירקליך געליטען ווען ער האט זיך צו איהר דערנעהנטערט.

דאס איז ווירקליך א מערקווירדיגעס געפיהל וואס אונטערשיידעט דיא מענער פון דיא פרויען. דיא מענער זיינען אזעלכע מענשען, וועלכע קענען פערקעהרען מיט איינינע פרויען אין איין וואך, אדער זאגאר אין איין טאג, און דאך זיך שפירען צו יעדער איינער פון זייא גלייך געניינט. דיא פרויען וויעדער, זיינען שוין פערשיעדע׳. זייא קענען פערקעהרען מיט אייניגע מענער, אבער דאך ליעבען זייא נאר איינעם. מאדאם באבעטא האט אויפריכטיג געליעבט קארנעליוס׳ן און זיא האט דערפאר פעראכטעט איהר מאן.

אבער אזוי וויא מען קען זיך ניט גלאט ענטזאגען געגצליך פון פעקעהרען מיט איין אייגענעם מאן, האט מאדאם באבעטא איהם ערשטענס געשענקט אזוי וועניג ליעבע וויא נור מעגליך, און דאן האט זיא איהם דיעזע ליעבע געגעבען אונ־טער איין עקעל און אבשייא.

זיא האט איהם געוואלט איינרעדען, אז דער אבשייא קומט ווייל זיא האט איבער איהם א פערדאכט, נאר ער האט דאס בשום אופן ניט געוואלט גלויבען און זיין אויפערזוכט האט געשטיגען פון טאג צו טאג.

אין דערזעלבער צייט האט מאדאם באבעטא אויך געלייגט א בריעף אין בוים צו קארנעליוס׳ן און איהם איינגעלאדען ער זאל קומען. נאר עס זיינען פאר־איבער 6 טאג און ער איז נאך אלץ ניט ערשיענען. אויף׳ן זיעבעטען טאג האט זיא געזעהן, אז דער פלאץ וואו דער בריעף ליעגט איז אונבעריהרט.

אנפאנגס האט זיא געוואלט, וויא אין איהר ערשטער ליעבעס־צייט, אב־שיקען א שליחות צו קארנעליוס׳ן דורך פאטער לארענצא, נאר זיא האט זיך בע־דענקט, אז דאס איז א געוואגטער שריט, ווייל דער אלטער פוקס האט געקענט פערדעכטיגט ווערען. זיא האט אכזא בעשלאסען צו ווארטען.

24.

וואס האט זיך קארנעליוס פארגעשטעלט צום אנפאנג ווען ער האט ערבליקט באבעטא'ן? עס איז וואהר ניט אלע פרויען גיעבען ארויס יענע געפיהלען פון ליעבע, איבער וועלכע מען טרוימט און מען פאנטאזירט. אבער זאלאנג מען ליעבט שוין א שעהנע פרוי, דאן זעהט מען אין איהר עפעס איין אידעאל, ערהאבענעס, געטליכעס.

ווען קארנעליוס האט אנגעפאנגען צו טרוימען איבער באבעטא'ן, האט ער זיך פארגעשטעלט, אז זיא איז, ווען ניט א געטין, דאן וועניגסטענס, א מלאך'טע. ער האט זיא בעדויערט וואס זיא מוז זיין א געפאנגענע ביי איהר מאן, ווארום זיא קען ניט פרייא און אפען געניסען דיא ליעבע וואס איהר הארץ געלוסט, ווארום זיא איז פערוואגעלט געווארען און גענומען א מאן ניט נאך איהר געשמאק, און אזוי ווייטער.

דאס אלעס איז נור געוועזען אין אנפאנג, ווען ער האט געדענקט, אז אזא פרויענצימער איז נאך ניט געבוירען געווארען און וועט ניט זיין. אבער שפעטער, ווען ער האט זיא נעהענטער קענען געלערנט, ווען ער האט ביינעוואהנט דיא וואוטה פון איהר ליעבע, איהר צוויי פנים'דינקייט, איהר צארן און האס, האט זיא ביי איהם פערלארען דעם ערשטען חן.

נאר דיא מענער זיינען, נאך אלעמען מערקווירדיגע מענשען. דאכט זיך קארנעליוס, א ריינער און עהרליכער יונגער מאן, מיט שעהנע אידעען, עהרליכע אבזיכטען, איבערלעגטע האנדלונגען און זאנסט גוטע מעלות, האט בעדארפט צוריק טרעטען מיט שרעקען און שוידערן פון אזא פרויענצימער! אבער דאס איז ניט געוועזען דער פאל. ער האט זיך אנגעהויבען צו געוועהנען צו איהר און ווען מען ליעבט א פרוי דאן ליעבט מען איהר צוזאמען מיט איהרע חסרונות.

יא, ערסטענס איז ער געוועזען זעהר אונצופריעדען מיט איהר דאפעלע ראלע, מיט איהרע אונפערשעהמטהייט און מיט איהר צארן. נאר נאכדעם איז פון דיעזע חסרונות געווארען מעלות. איז דאס ניט פיעללייכט דערפאר, ווייל מיר מענער האבען ליעב צו זעהען פרומקייט אין דיא מיאוס'ע נאנען פון אלטע ווייבער, ווייל מיר האבען ליעב אונזערע שוועסטער און מוטערס זאלען זיין ריין און אונבעפלעקט — נאר אונזערע ווייבער, יא מיר ווילען פאזיטיוו האבען אונזערע ווייבער זאלען איך זיין פרום, ריין און אונבעפלעקט וואס עס אנבעלאנגט מיט אנדערע, מיר מעגען אונז זעלבסט פערלאנגען נאר דיא מוטערע לעבהאפטע און באלד [illegible]

כאסענע פרוי. ניין, מאקי אין גאנצען אויסגעלאסען. מיר ווילען זיא זאלען אונז ווינקען, אויפרעגען און אויפברויזען אזוי פיעל וויא נאר מעגליך, און מאקי דערפאר אליין האבען מיר זיא ליעב.

שטילקייט איז שעהן אין א טויב; מיר ווילען אונזערע פרויען זאלען זיין שטיל וויא דיא טויבען פאר דער גאנצער וועלט, נאר פאר אונז אליין, אין אונזער פריוואט צימער, דארט ווילען מיר האבען א מאדאם באבעטא!

ווארום?

אט דיעזע אינטערעסאנטע פראגע וועלען מיר צוריקלאזען פיר דיא הערען פסיכאלאגען. אין פראקטישען לעבען האבען מיר געזעהען וואונדער שעהנע פרויען וועלכע מיר ליעבען דאך ניט, פאר זייער שטילקייט און צוריק געקומענהייט. דאן האבען מיר געזעהען פרויען, ניט אזעלכע שעהנע, נאר ווייל זייא בעזיטצען א מונטערען בליק, א פרייליכען שמייכעל אדער א גראציעזע בעוועגונג מיט דעם קערפער, האבען מיר זייא דאדורך ליעב.

אט דאס איז פיעלייכט געווען דער סוד, וואס דער זעלטענער יונגער מאן, קארנעליוס, האט געליעבט באבעטאן נאך מעהר וויא פריהער. יא, פריהער האט ער זיא געליעבט אויס בעוואונדערונג, און שפעטער האט ער זיא געליעבט אויס ליידענשאפט.

נאטירליך איז עס שעהנער צו ליעבען אויס בעוואונדערונג, אבער מיר קענען ניט אימער טהאן וואס שעהן איז, און דיא נאטור, וויא עס שיינט, פערלאנגט מעהר ליעבע אויס ליידענשאפט. געוויס, געוויס מיר זיינען מודה, אז דיא גאנצע מיה פון עסען, קייען, פערדייען א. ז. וו. איז ווירקליך איין איבריגע זאך און עס וואלט געווען א יושר ווען די גאנצע געשיכטע זאל ניט עקסיסטירען, מיר וואלטען דאן געווען ריינע זויבערע און שעהנערע מענשען. אבער גנה, טהוא עפעס, ווען עס הונגערט און עס ווילט זיך עסען.

איך האב זעהר ליעב צו הערען פילאזאפירען, אז דיא גאנצע תאוה איז עקעל-האפט, שמוטציג און געמיין; עס וואלט פיעל שעהנער געווען, מיר זאלען ליעבען א פרוי גראדע וויא מיר ליעבען א מאן, און קינדער? אה, קינדער זאלען וואקסען פון דער ערד וויא קארטאפעל, קארן ווייץ, און גערשטען.

ווען מיר פילאזאפירען אזוי, קומט מיר פאר, אז דער בעשעפער וועהרענד ער האט אויסגעשטעלט דעם פראגראם פון דיא ברואים, האט ער ערעדארפט ר״ פען אונזערע היינטיגע פילאזאפען צור בעראטהונג. איטצט איז אבער צו שפעט און עס קען אנדערש ניט זיין.

מען מוז עסען און מען מוז ליעבען א פרוי מיט אלע איהרע חסרונות, נאך מעהר, פון דיא חסרונות ווערט מעלות טראטץ אלע גראב בייכינע פילאזאפישע ביכער.

ארמער קארנעליוס! ער האט געהאט בעשלאסען אום קיינעם פרייז זיך מעהר צו בעגעגענען מיט מאדאם באבעטא.

„סטייטש" האט ער זיך געטראכט, עס איז גענען אלע מיינע אנזיכטען צו פערקעהרען מיט אזא פרוי. עס איז דאס לעצטע מאל!

אמת קארנעליוס איז ניט געווען קיין שווינדלער און ער דאט זיך אליין ניט געוואלט בעטריעגען, ער האט טאקי אזוי בעשלאסען, נאר גאר שפיעל זיך בע־העלטערלעך מיט דעם יצר הרע אה, ער איז א געפעהרליכער חברה־מאן, דיעזער סיגנאר יצר הרע; ער זוכט אויף אונטער דער ערד און מען מוז טהאן וואס ער וויל.

קארנעליוס האט זיך געזאגט אויסדריקליך, אז ער געהט ניט יעצט אין דער ריכטונג פון מאדאם באבעטא מיט אירגענד א שלעכטער אבזיכט. חלילה וחס! עס איז געווען נאכט, א שטונדע נאך זונ־אונטערגאנג. זיינע לעקציאנען האט ער דארטען געמאכט און עס איז איהם געווען אביסעל אומעטיג.

ער איז ארויסגעגאנגען שפאצירען — וואס איז דא פאר איין עולה? ער איז געגאנגען אין דער ריכטונג פון דעם גרויען פאלאסט — וואס איז דא פאר איין עולה? ער האט דערזעהן דעם בוים נעבען פארקען — וואס איז דא פאר איין עולה! עס האט איהם אינטערעסירט און נייגיעריג געמאכט אויב זיא שרייבט נאך צו איהם — וואס איז דא פאר איין עולה? ער האט פאר א ציקאוועס, אויסגע־שטרעקט זיין האנד און וויקליך געפונען א בריעף — וואס איז דא פאר איין עולה?

ניט וואהר, גאר ניט קיין עולה? נוא, וואס קען שאדען ווען מען זעהט וואס דיא אויסגעלאסענע פרוי שרייבט?

ביים שיין פון א לאמפ האט קארנעליוס געלעזען פאלגענדע ווערטער:

„עס איז שוין מיין פינפטער בריעף וואס איך וועקסעל צו דיר. דיא פיער פריהערינע בריעף זיינען געבליעבען אונבעריהרט. וואס איז מיט דיר געשעהן, געליעבטער? ביזטו קראנק? מיין גאט, וויא אונגליקליך איך בין איבער דיעזע אונוויסענהייט! ווען איך וואלט ניט מורא געהאט פאר מיין אייפערזיכטיגען מאן וואלט איך דיך איפגעזוכט אפילו אונטער דער ערד. אבער דער טיראן היט

מיין שריט אן טריט. ווען איך בין איבער מיין שוועל, קען איך גאר ניט טהאָן. אם זיכערסטען בין איך אונטער זיין דאך. דוא געדענקסט דאך געוויס, וויא אזוי איך האב איהם אבגענארט?

„געליעבטער! דיא קיסע ברענען אויף מיינע ליפען אן זיי וועלען זיך ניט אבקיהלען ביז איך וועל זייא ניט אבפרעסען אויף דיין לייב. מיין ברוסט שטורמט וויא דיא כוואלעס פון דעם ים, און וועט זיך ניט בערוהיגען ביז דוא וועסט אויף זיי ארויפניסען דיא ליעבעס־עהל. איך בין פערווירט, משוגע, און ווען איך וועל דיך ניט זעהן זאָ שנעל וויא מעגליך, דאן וועל איך בעהיטע גאָט מאכען אזא איבעראיילטען שריט, וואס וועט מיך אונגליקליך מאכען. ווילסטו מיך זעהן אונגליקליך? ווילסטו זעהן דיין געליעבטע באבעטא צוטרע־טען מיט דיא פיס?

„קארנעליוס! וועלכען צייכען פון ליעבע פערלאנגסטו פון מיר? וועלכעס אָפפער ווינשט דוא? איך שווער דיר ביי אונזער ליעבע, דאס ווען איך זאל וויסען, אז דוא קענסט מיט מיר וואָהנען פרייא פאר דער גאנצער וועלט, וואלט איך מיט אלעמען געשלאָגען כפרות און צו דיר געלאָפען. אבער איך בין איבערצייגט, אז דאס איז אונמעגליך. מיין מאן איז א געפעהרליכער מענש, ער וועט אונז ביידע הרג'ענען.

„געליעבטער! מיר זיינען געצוואונגען צו ווארטען. יא, ווארטען אזוי לאנג, ביז מיר וועלען קענען אונגעשטערט געניסען אונזער ליעבע. עס דארף ניט דויערן און עס טאָר ניט דויערן. אבער ביז דאהין, ווער איך פערברענט נאך דיר. איך וועל זוכען היינטיגע נאכט דעם בריעף, און ווען איך וועל איהם ניט געפינען אויף זיין פלאץ, דאן וועל איך וויסען, אז ער איז בייא דיר, אז דוא האסט איהם ערהאלטען. אויף מאָרגען אבענד וועל איך דיר ערווארטען. קום געליעבטער, מיט דעם געוועהנליכען וועג און זאלסט אריין אין דעמזעלבען צימער. עס וועט זיין אָפען, דוא קענסט פערשליסען פון אינוועניג. אבער נעהם ארויס דעם שליסעל. עס איז א נייער שלאָס און מיין מאן קען אהין מעהר ניט צו קומען. איך וועל דאן מיט א צווייטען שליסעל אריין קומען.

„איך ערווארטע דיך מיט דער גרעסטער אונגעדולד. אלס אונטערשריפט פרעס איך דאָ אָב מיינע נאסע ליפען.“

נוא ווער קען איבערשטעהן אזא צובער? אבער קארנעליוס, מיט דעם שטארקען כאראקטער, האט זיך געזאגט:

„אוטדיסט, דוא קענסט ווארטען, און איך וועל דאך ניט קומען.“

ניין, ניין, קארנעליוס איז ניט געווען קיין שווינדלער און זיך ניט בעטראגען. נאר געה זייא א חכם נגנען דעם יצר הרע!

ארמער קארנעליוס! דיא גאנצע נאכט האט ער פאר זיך געזעהן באבעטא'ן אין איהר נאקעטער הערליכקייט און עס האט זיך איהם געדאכט, אז ער בעריהרט איהר ווייכען קערפער, און דער בעקאנטער פערפום-גערוך פון איהר צימער, יאגט זיך אין זיינע גאדלעבער.

דער שרעקליכער יצר הרע האט איהם אויף'ן צווייטען טאג אפילו אויך ניט אבגעלאזט.

עפעס האט זיך איהם געדאכט, אז יעמאנד ראמט איהם איין:

„געה שוין, געה, זייא ניט קיין נאר! וועלכער מאן ענטזאגט זיך דאס פון אזא הערליכעס פרויענצימער? דיא געפאהר? נארישקייטען! נאר גע'גנב'עטע פריכטע שמעקען זיס! איבריגענס, האט עס דען ניט ווערטה צו קעמפפען, זאגאר מיט דעם טייפעל זעלבסט, פיר אזא פרויענצימער? אין געגענטהייל, דוא דארפסט דאך זיין שטאלץ צו קעמפפען פאר אזא פרוי!“

צווישען 11 און 12 אוהר אבענד איז קארנעליוס געווען אין דעם צימער וואס ער האט שוין איינמאל בעזוכט.

25.

מיט א האלבע שטונדע שפעטער, האט זיך א שליסעל לאנגזאם בעוועגט, געעפענט דיא טהיר, און באבעטא איז ערשיענען.

זיא איז געווען שעהנער וויא אימער.

מיט א וואוטה פון א הונגעריגען וואס האט שוין א פאר טעג ניט געגעסען, איז זיא צו איהם צוגעפאלען, און איהם איבערגעקושט יעדעס גליעד.

— איך וויים, איך וויים, האט זיא אליין געזאגט, דוא ביזט געווען קראנק; איך זעה וויא בלאס דוא ביזט זאגסט וואלסטו ניט אויסגעבליעבען אזוי לאנג.

דאן האט זיא איהם דערצעהלט, אז איהר מאן איז געווארען ווילד און ווטהענד געגען איהר אין דער לעצטער צייט, און זיין אייפערזוכט איז א נער ערהליכע.

— אבער, האט זיא פארגעזעצט, הייגט אבענד, צו אונזער גליק, איז ער

אוועק אין זיין קלוב און ער וועט געווים דארט שפּיעלען אין קארטען ביז אין דער פריה. פּאַרנעססטערן איז אויך דאס זעלבע געוועז און ער איז אהיים געקומען שיכור וויא א בעסטיע.

דיא צוויי יונגע מענשען האבען זיך געליעבט און גענאָסען דעם בעכער פון ליעבע ביז זיי זיינען אומגעפאלען בעזויפען פון ליעבעס גענוס.

עס האט געדויערט א פּאר שטונדען, און קארנעליוס האט שוין געוואָלט אוועקגעהן, ערקלערענדיג, אז עס איז פיעל בעסער פריהער אוועקצוגעהן, אלס שפּעטער געשטערט צו ווערן.

— ניין, בלייב נאך דא! האט זיא איהם בעפאָהלען.

— אבער.

— גאר ניט אבער.

— ווען ער זאָל אנקומען?

— וועט ער קומען.

— ער קען דאך אהער אריינקומען?

— ניין!

— געדענקסטו ניט לעצטעס מאָל?

— געוויס געדענק איך.

— ווען ער זאל אויפברעכען דיא טהיר?

— וועט ער אויפברעכען!

(אין איהר שטימע איז געלעגען א טאָן פון ענטשלאָסענהייט.)

— איך פערשטעה דיך ניט. האט ער געשטאמעלט.

— אָבער איך פערשטעה יא.

זיא האט אנגענומען זיין געזיכט צווישען איהרע צוויי שעהנע הענד און צו געבויגען איהר קאָפּ צו זיינעם.

— ליעבסטו מיך? האט זיא געפרעגט ברוטאל.

— יא.

— וויא שטאַרק?

— פון מיין גאנצעס ברוסט.

— ווילסטו אויף אימער בעקומען מיין ליעבע?

— איך.... איך....

— שטאמעל ניט, רעד גלייך, איך וויל הערען דיא וואהרהייט!

— איך ליעב דיך, באבעטא, מיט מיין גאנצער זעעלע!

— וואס וואָלסטו אימשטאנדע געווען צו טאָהן פאר דיעזער ליעבע?

— אלעס!

— וואס מיינסטו אלעס?

— וואס דוא וועסט מיר הייסען!

זיא איז שטיל געבליבען און זיא האט אויסגעזעהן נאכצודענקען. דאן האט זיא געמורמעלט:

— אויך הרגענען א מענשען?

ער איז בלאס געווארען.

— ענטפער!

קארנעליוס האט ניט געוואוסט וויא אזוי, נאר ער האט זיך אליין געהערט ענטפערן:

— יא.

— דאן וועסטו האָבען א געלעגענהייט דאפיר, האט זיא רוהיג געענטפערט און איהם געקושט.

מיט צעהן מינוטען נאך דיעזען געשפרעך, האט זיך געהערט שריט אין קאָרידאר.

באָבעטא איז ארויס געשפרונגען פון דעם בעט.

— ביסטו בעוואפענט? האט זיא געפרעגט קארנעליוס'ן.

— יא האט ער געענטפערט זייענדיג אונטער איהר איינפלוס.

— וואס פאר א וואפען

— א קינזשאל.

— לאמיך דאס זעהען.

קארנעליוס האט ארויסגענומען פון זיין מאנטעל א צוויא-שארפיגעס מעסער וואס האט געבליטצט אין שיין פון ליכט, און דאס האט געהאט א עלעפאנט-ביינערנע שטיל.

— דאס איז ניט גוט, האט זיא געמורמעלט גאנץ קאלט. ווען דער קינזשאל זאל דא בלייבען, קען מען איהם דערקענען. דא האסטו איין אנדערן.

וועהרענד זיא איז צוגעגאנגען צום שראנק און פון דארט ארונטער גענומען א פראסטען קינזשאל, האט יעמאנד אנגעקלאפט אין דער טהיר.

ווען באבעטא האט איבערגעגעבען קארנעליוסען דעם קינזשאל, האט זיא איהם איינגעראמט.

— שמעך צו מוטען. אין דער ברוסט איז דאס בעסטע. אהן מורא, ער איז ניט בעוואפענט. שרעק זיך ניט פאר דעם רעזולטאט. דיר וועט גאר ניט שאדען ווען איך וועל פון איהם לויז ווערען.

דאס קלאפען האט זיך ווידערהאלט.

— ווער איז היער? האט ענדליך מאדאם באבעטא נעפרענט.

וועהרענד דעם האט זיא אוועקגעשטעלט קארנעליוס'ן מיט דעם קינזשאל אין האנד אין א ווינקעל נעבען דער טהיר.

— איך, האט געענטפערט דיא בעקאנטע מענער שטימע פון דרויסען.

— וואס ווילסטו?

— ארײן קומען.

— נאך וואס?

— זעהען וואס דוא טהוסט.

— לאז מיך צו רוה, איך וויל שלאפען.

— אבער דוא שלאפסט דאך ניט?

— דוא האסט מיך אויפגעוועקט.

— דאן לאז מיך ארײנקומען.

— ווידער מיט'ן סקאנדאל.

— נײן.

— וואס דען ווילסטו?

— לאז מיך ארײנגעהען, און דאן וועסטו מיך פרענען.

באבעטא'ס א בליק צו קארנעליוס'ן, האט איהם אנגעצײנט, אז זיא נעהט עפענען און ער זאל זײן בערײט.

פלוצלונג איז זיא געבליעבען שטעהן און זיך בעדענקט דאן האט זיא אײנגעראמט קארנעליוס'ן:

— איך ווײס ניט איך האב דיר פריהער געזאגט, אז ער איז אונבעוואפענט. עס איז מעגליך, אז איך האב געהאט א טעות. יעדענפאלס מוזטו אויפפאסען. שטעך אײדער ער האט צײט זיך אײנצוקוקען, דאמיט דוא זאלסט דײן לעבען ניט שטעלען אין געפאהר.

— דוא עפענסט אדער ניט? האט ווידער געפרענט דיא שטימע פון דרויסען.

— יא ווארט אײן אויגענבליק.

באבעטאס הענד האבען אביסעל געציטערט, נאר זיא האט שנעל אויסגע־שלאסען. אויף דער טהיר איז ערשיענען א מאן פון ניעדעריגער סטאטור און זעהר דיק. א פאר גראבע שווארצע וואנצעס האבען בעדעקט זיין אויבער־ליפּ.

— פאר וואס האסטו ניט אויפגעמאכט שנעלער? האט ער געפרעגט.

באבעטא האט געהאלטען א טיכעל אין דער האנד און זיך דערמיט גע־שפּיעלט קוקענדיג דערווייל צו קארנעליוס'ן איהר בליק האט איהם דערמאהנט. דער מאן האט זיך נאר וואס געוואלט אומווענדען, ווען א האנד איז ערשיענען פון הינטען פאר זיינע אויגען, א מעסער האט א בליטץ געטאהן און דאן איז דאס פערשוואונדען געווארען אין דעם אונגליקליכען'ס ברוסט.

אין נעכסטען אויגענבליק, איז באבעטא, וויא א טיגערין, צוגעשפרונגען צו איהר מאן און איהם אריינגעשטופּט איהר טיכעל אין מויל.

דאס מעסער האט ריכטיג געטראפען. דער אונגליקליכער בעטראָגענער מאן איז אומגעפאלען מיט אויף'ן פלאטץ ארויסגעבענדיג א לייכטען און אונטער־דריקטען קרעכץ.

באבעטא האט איהם בעטראכט אפּאר אויגענבליקען און איהם אבגעלאָזען בעטערקענדיג גאנץ שטיל:

„ער איז טויט!"

דאן האט זיא זיך געווענדעט צו קארנעליוס'ן, וועלכער איז געשטאנען אין ווינקעל מיט א בלאסע געזיכט וויא דער טויטער.

— קום אהער, האט זיא געזאגט.

ער איז צוגעגאנגען.

— בינד מיך צו צום בעט, האט זיא געזאגט איהם געבענדיג א שטריקעל.

ער האט זיא געפאלגט.

פערשטאפּ מיין מויל מיט דיעזען טיכעל, האט זיא ווייטער געזאגט.

ער האט געטהאן וויא זיא האט געהייסען.

זיא האט אנגעהויבען צו שאקלען מיט'ן קאפּ און ער האט פערשטאנען, אז זיא הייסט איהם ארויסנעהמען דאס טיכעל. ער האט געפאלגט.

— ווארט, האט זיא דאן געזאגט, דוא זאלסט מיר פערשטאפּען דאס מויל ווען דוא וועסט פערטיג ווערען צום געהען. זאלסט פערלאזען דאס הויז גאנץ רוהיג און ארויסגעהען דורך דעם זעלבען וועג דורך וועלבען דוא ביזט געקומען. זיי א מאן! שעהם זיך! זעה נאר וויא ער ציטערט. האסט נאר ניט וואס מורא צו הא־

בען. אלעס איז אויסגערעכענט. יעצט זיינען מיר פרייא, ער איז טויט, און מיר וועלען געניסען אונזער ליעבע אונגעשטערט. אלזא בייג זיך צו וועל איך דיר געבען א קוש.

ער האט זיך צוגעבויגען און זיא האט געקושט זיינע קאלטע ליפען.

„א גוטע נאכט", האט זיא געמורמעלט, און פערשטאָפּ מיר דאס מויל. דאן געה, מיר וועלען זיך שוין בעגעגענען.

ער האט דורכגעפיהרט איהר לעצטען אויפטראג און איז געגאנגען צו דער טהיר. דער טויטער איז געלעגען מיט זיינע אויגען אפען. אין זיין טויטען בליק איז געלעגען ערשטוינען און שרעק קארנעליוס האט אויפגעציטערט. אונטערדעסען האט ער אריבער געשפאנט, געלאזען די טהיר האלב אפען און איז אוועק.

יוען ער איז ארויס אויף דער אפענער שטראסע, האט ער צום ערשטען מאל געוואגט צו געבען א טיעפען זיפץ און האט פרייער אויפגעאטהעמט.

26.

מיט 15 מינוטען נאכדעם ווי קארנעליוס איז אוועק האט מאדאם באבעטא ארויסגעשטויסען מיט איהר צונג דאס טיכעל פון איהר מויל און אנגעפאנגען צו שרייען. די גאנצע דיענסטשאפט אין הויז האט ערוואכט.

יעדען האט אויפגעכאפט א ציטערניס זעהענדיג זייער הערר ערמארדעט. דאן האט מען אויפגעבונדען מאדאם באבעטא, און איהר ערשטער שריט איז געוועזען, צו צולויפען צו איהר טויטען מאן, פאלען איבער זיין קערפער, און חלש'ן.

ווען מען האט זיא דערמינטערט, האט זיא גאר ניט געקענט אויפהערען צו וויינען. נאך שווערע מיה וויא מען האט זיא בערוהיגט, האט זיא דערצעהלט פאלגענדע געשיכטע:

איך בין געלעגען אין מיין בעט ווען מיין מאן איז אריין פון קלוב און זיך אויסגעזעצט, אין זיינע קליידער נעבען מיר. די טהיר האט ער געלאזען אפען. פלוצלונג זיינען אריין 4 פערמאסקירטע מענער. זייא האבען אונז ביידע פערשטאפט די מייל. נור אזוי וויא מיין מאן האט אנגעהויבען צו קעמפפען האבען זייא איהם וואהרשיינליך דערשטאכען; וואס זייא האבען נאך געטהאן אין הויז ווייס איך ניט.

די פאליציי איז באלד ערשיענען און נאך איין אונטערזוכונג האט מען

ענטדעקט, אז מאדאם באבעטאס בריליאנטען אין ווערטה פון 20,000 לירא פעה־לען, זאנסט האבען דיא רויבער און מערדער קיין זאך גענומען.

מאדאם באבעטא איז אבגעלעגען דרייא טעג געפעהרליך קראנק, אבער וועניגסטענס האבען דיא דאקטוירים געזאגט אז זיא ליידעט פון א גרויסען נערוווען ערשיטערונג.

דיא פאליצייא האט אנגעווענדעט אלעס מעגליכע צו געפינען דיא רויבער און מערדער, אבער אלעס איז געווען אומזיסט.

דאן זיינען ערשיענען באדאם באבעטאס פריינדע און פריינדינען און איהר גראטולירט צו איהר גליקליכע רעטונג.

מאדאם באבעטא איז געווען אויסער זיך פאר צער נאך איהר מאן. זיא איז נאכגעגאנגען צו זיין לויה א צוזאמענגעבראכענע און געגאסען טייכען טרערען. ניט נאר איין מאן האט געזאגט צו זיין פרוי:

„זעה נאר, זעה, אט דאס איז א געטרייע פרוי. זיא קען זיך געבעך נאר ניט טרייסטען נאך איהר מאן".

נאטירליך האט פאטער לארענצא געהאט דיא עהרע צו מאכען דיא גאנצע צערמאניע פון דער לויה, און ער האט מיט אויפמערקזאמע אויגען שטודירט מא־דאם באבעטאס טרויער.

אז זיא איז געווען ריין פון זינד האט ער זיך איבערצייגט פון איהר לעצטע וידוי. נאר אז זיא זאל אזוי שטארק טרויערען נאך איהם, האט ער זיך ניט געוואלט לאזען איינרעדען. ער האט געצווייפעלט אין איהר אופריכטיגקייט.

אבער וועמען קימערט דאס וואס דיעזע מענער צווייפלען? פאטער לארענצא וועלכער האט אזוי פיעל געזינדיגט אין זיין יוגענד, האט געצווייפעלט — אבער וואס מאכט עס אוים?

מאדאם באבעטא איז געווען א קלוגע פרוי, זיא האט פערשטאנען גאנץ גוט איהר ראלע. זיא האט בלויז אביסעל איבערטריעבען מיט איהר טרויערן — נו, א מענש קען דאך ניט זיין פאלקאמען אין אלעמען?

פאלקאמען אין דער ליעבע און פאלקאמען אין דער אינטריגע, איז א ביסעל צו פיעל.

27.

דיא פראגע, אויב מענשען ווערן מעהר געהרג׳עט דורך ליעבעס אינטריגעס אדער דורך עקאנאמישע צושטענדען, איז שוין לאנג געפרעגט געווארען, און דער ענטפער דארויף איז פיעלזייטיג.

מאדאם באבעטא׳ס מאן איז ערמארדעט געווארען! מארדען איז א שלעכטע זאך. דער מערדער זעלבסט וועט אייך צוגעבען, אז דאס איז איין אונאנגענעהמע ארבייט. מארדען אין אלגעמיינעם איז זעהר שלעכט, און אויב מאדאם באבעטא׳ס מאן איז געוועזן א גוטער אדער שלעכטער, בלייבט זיך גלייך, דעם טויט האט ער יעדענפאלס ניט פערדיענט.

„אבער שטארבען האט ער דאך געמוזט,“ דאס האט באבעטא נאך א לאנגער איבערלעגונג פעסט ענטשלאסען. באבעטא איז געוועזן ביי איהם א שקלאפין און א ווערקצייג. איהר וויכען האט א גאנץ קליינע ראלע געשפיעלט. ער האט זיא אומרינגעלט מיט פרומקייט און רעליגיאן, ניט דערפאר וויל ער איז געוועזן פרום און רעליגיעז, נאר דערפאר וויל ער האט געוואלט אדער געמיינט, אז דיא רעליגיאן וועט זיא שיטצען פאר פרעמדע מענער און זיא וועט אלזא בלייבען נאר זיינע.

אט דאס איז דיא מיינונג פון דיא 999 מענער פון טויזענד אין אונזער געזעלשאפט. זייא אליין זיינען פערדארבען אין יעדע בעציהונג, און ווען זייא געהען אפילו ניט צו פרעמדע פרויען, איז עס ניט דערפאר וויל זייא האבען מורא פאר איין עבירה אדער זייא זיינען מאראליש — זייא טהוען עס ניט דערפאר, וויל זייא זיינען בעפריעדיגט פון זייערע שקלאפינען צו הויז, וואס מען רופט געזעצליכע ווייבער.

ווען מאדאם באבעטא וואלט געהאט דיזעלבע פרייהייט וויא איהר מאן: ווען מאדאם באבעטא וואלט געקענט פריי ארויסגעהן אבענדס און זיך ניט אנפרעגען אדער אויפגעפאסט צו ווערן פון איהר מאן — דאמאלס וואלט זיא גענאסען דיא ליעבע מיט דעם מאן וואס זיא האט געליעבט, און איהר מאן וועלכען זיא האט ניט געליעבט, וואלט זיא גאנץ רוהיג געלאזט עקסיסטירען. אבער זיא האט אזא פרייהייט ניט געקענט געניסען, און וויא איין איינגעשפארטער פויגעל, וואס וויל זיין פרייא, אזוי האט זיא ניט געקוקט אויף דעם פרייז פיר דיעזער פרייהייט.

לאמיר אנגעהמען, אז מאדאם באבעטא האט זיך ניט געקימערט אום איהר

מאנים כעס, וואלט זיא געקענט איהם פערלאזען און געהען וואהנען מיט קאר־נעליוס'ן ? ניין, דאס איז איהר אונמעגליך געוועזען. זיא וואלט דאן געמוזט ארויס אלס א בעטלערין, און קארנעליוס זעלבסט, מיט זיין גאנצער ליעבע צו איהר וואלט זיא מעהר ניט בעטראכט וויא א פרוי פון א מאן וואס ערפילט איהם א מאמענ־טאלען גענוס. און נאכדעם ? אה, נאכדעם נאטירליך, וואלט ער דאך געמוזט אכ־טען דיא עטיקעטע און דעם כנהג פון דער געזעלשאפט, חתונה צו האבען וויא נאט האט געבאטען, נעהמען א יונגעס מערכען און צופריעדען שטעלען זיינע על־טערן, פאמיליע און בעקאנטע.

דיא עקאנאמישע צושטענדען, דיא געזעלשאפטליכע איינגעפירטע מנהגים און דיא וואהרע געשלעכטליכע נייגונג אדער ליעבע, קומען דא פאר אין א שווערען קאמפף, און דיא נאטור, וואס ווייס ניט פון קיין זייטיגע חכמות, מאכט זיך אימער א וועג. זאל זיין א בלוטיגער וועג, בעדעקט מיט מענשען־קערפער, א וועג מוז ווערען !

עס איז דיא טראגעדיע דער ליעבע, וועלכע פערא ורזאכט אזוי פיעל אונגליק אין אונזער געזעלשאפטליכעס לעבען ; עס איז דיא פערשקלאפונג פון דער פרוי און דיא אבסאלוטע העררשאפט פון דעם מאן, וואס פיהרט אונז צו מארד, רויב און שרעקליכעס פערברעכען.

אבער דיא פערמישונג פון מענשען בלוט, דיעזעס פערברעכען געגען דעם וואונש פון דער נאטור, האט אויך זיינע פאלגען און זיינע שטראפען.

קארנעליוס, דער מילדער און זאנפטער ליעבהאבער ; דער דענקער און איבער־צייגטער מאראל פרעדיגער, איז געפאלען אלס אפפער פון א שעהנער פרוי און איז דאן געווארען א מערדער. ניין ער איז ניט געוועזען קיין מערדער פון דער נאטור ער איז עס געווארען דורך אומשטענדען !

דיא ווירקונג פון דער מארד־טהאט, האט דעם יונגען מענשען שיער בערויבט זיין פערשטאנד. ווען ער האט זיך אויסגעניכטערט פון דער אויפרעגונג ווען ער האט צייט געהאט רוהיג צו בעטראכטען וואס ער האט געטהאן, האט ער גע־שפירט א שרעקליכען שמערץ צוזאמען דריקען זיין ברוסט און זיין הארץ האט איהם געקלאפט אומעטהיג.

און באבעטא ? זיא האט דאס ניט געפיהלט. ער, קארנעליוס, האט זיך גע־שפירט פאלקאמען שולדיג אין א ברוטאלען מארד געגען א מענשען, וועלכער האט איהם קיינמאל קיין בייזעס ניט געטהאן. באבעטא וויעדער האט פון איהם געליטען יאהרען לאנג דעם יאך פון אונטערדריקונג, שקלאפעריי און ערפנעצוואונגענע

ליעבע. ווען אלע איהרע לײדען האבען זיך אנגעזאמעלט, האט זיא מיט א גלײב־גילטיגער און קאלטער איבערלײגונג געפלאנט זײן טויט, און איהם זעהענדיג אפ־געשאפט פון וועג, האט זיא טריאומפירט אין איהר הארצען און זיך געפרײט וואס זיא איז פון איהם פטור געווארען.

טראטץ איהר קאלט־בליטיגקײט אָבער, איז זיא אויך קײן מערדערין ניט געוועזען. דיא שעהנע און צערטליכע באבעטא איז געבארען געווארען צו ליעבען און געליעבט צו ווערען דאס איז געוועזען נאטורס וואונש און ווען דיעזער וואונש איז געשטערט געווארען, איז פערוואנדעלט געווארען איהר צארטע נאטור אין א מאָרד־נאטור.

28.

געשטאָרבען, בעגראבען, בעוויינט און פערגעסען. אזוי פיהרט זיך דיא וועלט. מען האָט גערעדט, דערצעהלט, געשילדערט און בעדויערט, און אלעס איז מיט דער צײט שטיל געווארען.

עס זײנען פאָריבער זעקס וואכען און מאדאם באבעטא האָט געברענט מיט פערלאַנגען צו זעהען קארנעליוס'ן. זיא האט גערעכענט, אז ער וועט זיא קומען בעזוכען, אבער ער איז ניט געקומען. זיא האָט א פּאָאר מאָל שפּאַצירט אין פראָנט פון זײן וואָהנונג, אבער זיא האט איהם ניט געזעהען,

זיא איז געווארען פערצווייפעלט. און אין א טאָג ווען פּאָטער לאָרענצא איז געקומען צו איהר, האט זיא זיך שוין מעהר ניט געקענט צוריק האלטען, און גע־פרעגט וואָס קארנעליוס מאכט.

לארענצא האָט ניט באַלד געענטפערט דיא פראַגע; ער האָט פריהער גע־קוקט מאדאם באבעטאן אין דיא אויגען, און דאן האָט ער געזאָגט גאנץ רוהיג:

„קארנעליוס וועט קירצליך פערלאָזט ווערען פאר א שעהנעם מעדכען".

דיא רוהיגע און קאלטבליטיגע מערדערין, האָט בײא דיעזע ווערטער פער־לאָרען איהר געוועהנליכע האלטונג. איהר געזיכט איז רויט געווארען און א לייכ־טער, אבער שמערצליכער „אך" !, האָט זיך ארויסגעריסען פון איהר ברוסט.

„זיא איז א וואונדער שעהנעם מעדכען", האָט לאָרענצא ווייטער בעמערקט וויא זיך ניט קימערענדיג אום איהרין ערגערניס.

„איהר קענט זיא ?" האט זיא געפרעגט נײגעריג.

„יא. זיא איז דיא טאכטער פון גראף ט." ;

— קענען דיא זיך שוין לאנג ?

— ניין; זיין מוטער איז געווען דיא שדכנ׳טע.

— איז עס בעשטימט אז זייא וועלען הייראטהען?

— קיין צווייפעל מעהר. דיא עלטערן האבען געגעבען זייערע הענד און דיא יונגע מענשען האבען איינגעשטימט.

פאטער לארענצא איז פון יענעם מאמענט אן געווען פעסט איבערציינגט, אז באבעטא האט געהאט א ליעבעס פערהעלטניס מיט קארנעליוס׳ן. ער האט ניט גענוי געוואוסט וויא אזוי, אבער ער האט מעהר ניט געצווייפעלט. ער איז נאך געווען זיכער, אז דער טויט פון באבעטא׳ס מאן איז ניט געווען גלאט קיין צופעליגער דורך רויבער, און ער האט זיך געטראכט, אז דיא שעהנע פרוי האט אין דעם געהאט איין אנטהייל.

לארענצא איז אוועק פערטיעפט אין געדאנקען און אזוי קלערענדיג, האט ער זיך דערמאהנט אן דיא שליחות פון באבעטאן צו קארנעליוסען, און עס איז איהם איינגעפאלען, אז ער האט געשפיעלט דיא ראלע פון א ליעבעס-פערמיטלער, אהנע ער זאל דערפון וויסען.

„ווען דאס איז וואהר, דאן וועל איך מיך מיט איהר אברעכענען!" האט ער צו זיך געמורמעלט וויטהענד.

אבער וויא אזוי וועט ער זיך מיט איהר אברעכענען? וואס וועט ער טהאן דער יונגער און שעהנער פרוי? ער האט עס אליין ניט געוואוסט. דאן איז איהם פלוצלונג איינגעפאלען א אידעע, אז ער האט א וואפען אין האנד געגען איהר, און ער וועט קענען פון איהר ערפרעסען געלד און....

ווייטער האט ער ניט געוואלט צו דענקען.

79.

אין דעם זעלבען אבענד האט זיך באבעטא פערקליידעט אין א פראסטע קלייד, ארויפגעלייגט א דיקען שלייער אויף איהר געזיכט, און איז אוועק מיט א פעסטען ענטשלוס אויפצוזוכען קארנעליוס׳ען.

געגענאיבער זיין הויז, האט זיא זיך אוועקגעשטעלט ווינטער א בוים און געווארט.

מיט א האלבע שטונדע נאך איהר ערשיינען, איז קארנעליוס ארויס פון הויז אליין און זיך געלאזען געהען ארויף דיא שטראסע, מיט דער אבזיכט, וואהרשיינ-ליך, צו מאכען א שפאציר נאך׳ן עסען.

ווייא א שאָטען האט איהם באַבעטא נאָכגעפאָלגט ביז אין א צווייטער גאַס און זעהענדיג אז זיא ווערט פון קיינעם ניט בעמערקט, האָט זיא געמורמעלט :

— קאַרנעליוס !

דערשראָקען האט זיך דער יונגער מאַן אומגעקוקט אבער ער האט זיא ניט דערקענט.

„איך בין עס, קאַרנעליוס“, האט זיא נאָך א מאָל געמורמעלט.

ער האָט שוין דערקענט איהר שטימע.

— וואָס טהוסטו דאָ ? האָט ער געפרעגט.

— איך בין דיר געקומען זעהען.

— מיך ?

— יאָ, געוויס.

— ווערום ?

— האָב איך קיין רעכט דאַצו ? אך, קאַרנעליוס, איז עס וואהר, אז דוא ליעבסט מיך שוין מעהר ניט ?

בייא דיעזע ווערטער האָט זיא אריינגעלייגט איהר האַנד אין זיינע און צוגע־דריקט איהר ווייבען און וואַרעמען קערפער צו זיינעם.

— דוא געהסט פערלאָבט ווערען, האָט זיא פאַרטגעזעצט, „יאָ, יאָ, איך האָב דערפון געהערט“.

ער האָט ניט געענטפערט.

„וואָס האט עס צו טהאָן מיט אונזער ליעבע ? האָט זיא געפרעגט.

„אך, דוא שלעכטער מענש !“

ער האָט איהר ערקלערט, אז ער קען זיך מיט איהר ניט בעגעגנען, ווייל זיא האָט איהם געמאַכט פאַר א מערדער, און ער וועט זיך דאָס ניט פערצייהען זיין גאַנצעס לעבען.

זיא האט געלאַכט ווילד, אויסגעלאָסען אין טייפליש.

זייא זיינען אונטערדעסען געגאַנגען ווייטער, ארויס אויס דער שטאָדט.

„וואוהין פיהרסטו מיך ?“ האט ער געפרעגט זיך ניט קענענדיג בעפרייען פון איהר איינפלוס.

„קום מיט מיר“, האָט זיא געענטפערט, קום דאָרט אויף'ן פרייען פעלד.... ווען דוא ענטזאַגסט זיך פון מיין ליעבע. דאַן וויל איך וועניגסטענס נאָך הייטע אבענד צום לעצטען מאָל“....

ווען קאַרנעליוס איז געלעגען אין באַבעטאַס אומאַרמונג האָט ער פלוצלונג

דערשפירט א סאלטען געגענשטאנד נעבען זיין האלז, דאן א שניידענדען שמערץ און.... זיין האלז איז געווען איבערגעשניטען.

זיא האט זיך אויפגעהויבען, געווארט ביז אלע לעבענס־צייכען זיינען פער־שוואונדען, דאן האט זיא געקושט זיין שטערען און איז פערשוואונדען געווארען אין דיער טיעפער נאכט־פינסטערניס.

דער טויט פון דעם יונגען קארנעליוס איז געווען איין אונערקלערליכעס גע־היימניס פאר אלע איינוואוהנער פון נעאפעל. נאר איין מענש, פאטער לארענצא, האט געוואוסט פון א שפור צו דיעזען געהיימניס.

ווען ער איז געקומען צו מאדאם באבעטא אין גרויסען צארן זיא צו שטעלען צור רעכענשאפט, האט זיא זיס געשמייכעלט און געפרעגט וואס ער וויל.

* * *

פאטער לארענצא בעזוכט צייטענווייז מאדאם באבעטא און ער פערבלייבט א פאאר שטונדען אין איהר צימער. וויא לאנג דאס וועט דויערן, ווייס מען ניט.

דער הייליגער פאטער לארענצא האט אונטערדעסען איינגעזעהן, אז דער שטן המשחית און דער יצר הרע, איז שטארקער פון אלעם אין דער וועלט און וויא אלט מען זאל זיין, איז דאס אלץ קיין שוטץ ניט.

ענדע.

— פאלשטענדיגעס —

ענגליש־יודישעס און יודיש־ענגלישעס

≍ ווערטער־בוך ≍

פון אלכסנדר הארקאווי.

אין צוויי טהייל.

ערשטער טהייל ענטהאלט אללע ענגלישע ווערטער נאכ'ן איי־בי־סי, מיט זייער אויסשפראכע און איבערזעטצונג אין אידיש.

צווייטער טהייל ענטהאלט אללע יודישע ווערטער נאכ'ן אלף־בית מיט דיא איבערזעטצונג אין ענגליש.

ביידע טהיילען זיינען געבונדען אין איין באנד.

פרייז, 3.50

ענגליש־יודישעס האנד־ווערטער־בוך:

פון אלכסנדר הארקאווי.

ענטהאלט כמעט אזוי פיעל ווערטער, וויפיעל דער פאלשטענדיגער ענגליש־יודישעס ווערטער־בוך, מיט דער אויסנאהמע וואס דיא ערקלערונגען זיינען אביסעל אַבגעקירצט.

פרייז, 1.00

ענגליש־יודישעס און יודיש־ענגלישעס

טאשען־ווערטער־בוך:

פון אלכסנדר הארקאווי.

ענטהאלט אללע ענגלישע ווערטער נאכ'ן איי־בי־סי, מיט זייער אויסשפראכע און איבערזעטצונג אין יודיש, און אללע אידישע ווערטער נאכ'ן אלף־בית מיט דיא איבערזעטצונג אין ענגליש.

פרייז, אין קלאטה באנד, 65 סענט. אין לעדער באנד, 90 סענט.

וועלט־ בעריהמטע

אָפּעראַס

בעשריעבען און ערקלעהרט אין פיין אידיש פון

וויללִיאם עדלין.

דעם אינהאלט פון דעם דראמאטישען סוזשעט און דער כאראקטער פון דער מוזיק פון די בעסטע פינף און צוואנציג איטאליענישע, פראנצויזישע און דייטשע אָפּעראַס. סיי דער וואס געהט אין אָפּערא און סיי דער וואס האָט ליעב לעזען וועגען די פראכטפאָלע סוזשעטען פון די גרעסטע אָפּעראַס, קען אין דיעזען בוך געפינען פיעלעס וואס פערשאַפט דעם העכסטען עסטהעטישען פערגעניגען.

קויפט דעם בוך איבער דיא שעהנסטע קונסט

און זעהט וואס פאר א וועלט פון גענוס עס איז דאָ פאַר אַלע מענשען פון אלע קלאסען. דער בוך דארף זיך געפינען ביי יעדען וואס האָט ליעב צו לעזען די בעסטע ראמאנען, דראמאס און פאָעזיע.

אינהאלט פון די אָפּעראַס.

ריגאָלעטאָ פון ווערדי
טרובאדור „
טראוויאטאַ „
אאידא „
לא באָהעם פון פוטשיני
מאדאם באַטערפליי, פוטשיני
קאוואלעריא רוסטיקאנאַ
פון מאסקאני
פאליאטשי פון לעאָנקאוואלאָ
לוציאַ די לאמערמור,
פון דאניצעטי
פיוריטאַני, פון בעליני
באַרבער פון סעוויל—ראָסיני
הוגענאָטען פון מייערבער

לע פראָפעט פון מייערבער
די יודין פון האלעווי
פאוסט פון גונאָ
קארמען, פון ביזעט
לא נאווארעז פון מאסענע
טאנהייזער פון וואגנער
לאהענגרין פון וואגנער
טריסטאַן און איזאָלדע
פון וואגנער
פארסיפאל, פון וואגנער
דאָן זשואן פון מאָצארטי
פידעליאָ פון בעטהאָווען
מלכה שבא פון גאָלדמארק
סאלאָמע פון שטראוס

רעגולאר פרייז 50 ס. פרעמיום פרייז (געבונדען) 25 ס.

HEBREW PUBLISHING COMPANY

83-85 Canal Street New York

גראף לעאָ טאָלסטאָי'ס ווערקע

בעאַרבייטעט אין אידיש, פון ד. מ. הערמאלין.

איוואן איליטש'עס טויט, א שילדערונג איבער דעם איבער־גאנג פון לעבען צום טויט, וואס מען דענקט און פיהלט אין די לעצטע מינוטען פון לעבען, 10

איוואן דער נאר, דיעזער בוך שילדערט פאר אונז א בילד, וועל־כעס עפענט אויף אונזערע אויגען צו זעהן א נייע וועלט מיט נייע מענשען, 3

איך און מיין מאן, א שילדערונג איבער דער אונגליקליכהייט אין פערהייראטהעטען לעבען, און וועלכע הייראטה עס פיהרט צו גליק, און וועלכע צו אונגליק, 10

אננא קארעינינא, א שילדערונג איבער די ליידענשאפט פון א יונגע שעהנע פרוי, ווען זי פאלט אריין צו אן עלטערן אבגע־לעבטען מאן אונד פערליעבט זיך ענדליך אין א פרעמדען יונגען און שעהנעם מאן, ווי אזוי זי ליעבט, ליידעט, געניסט פון איהר רייץ און פאלט ענדליך אלס אפפער פון דער ביטע־רער שלאנג — אייפערזוכט, 25

טאלסטאי'ס ביאגראפיע, א בעשרייבונג איבער זיין לעבען, ווירקען און איינפלוס איבער זיינע מיטמענשען, מיט א ביי־לאגע פון זיין בילד. 3

מיין ווידוי, א שילדערונג, צו וועלכען צוועק מענשען זיינען בע־שאפען געווארען, לעבען אויף דער וועלט און ליידען צרות, 10

מיין פריינד'ס פרוי, א שילדערונג איבער די געמיינהייט און פערדארבענהייט וואס פאלשע ליעבע קען ארויסבריינגען, 10

דער נסיון, א שילדערונג איבער דעם קאמפף פון אנשטאנד מיט אויסגעלאסענהייט, פון מאראל מיט פערדארבענהייט, און פון עדעלען מענער־מוטה מיט ערניעדריגטער פרויען־שוואכ־קייט, 10

פאליקושקא, א בילד פון דעם בויערשען לעבען אין רוסלאנד, 10

די פערפיהרונג, א שילדערונג איבער אזא סארט לעבען, וואס איז פול מיט מענשליכער אויסגעלאסענהייט און פערדארבענהייט, 10

די צוויי דורות, א שילדערונג פון דעם רוסישען לעבען, איבער זייער אונטערהאלט, בעלער, חתונות, ציגיינער טענץ און קארטען שפיעל, 10

די קרייצער סאנאטא, א שילדערונג איבער דער פערדארבענהייט אין פערהייראטען לעבען, עס ווערט בעוויזען מיט פאקטען, אז קיין אמת'ע ליעבע עקזיסטירט גאר ניט אין דער מענשהייט, עס איז נור בלויז ליידענשאפט, פאלשקייט און בעטרוג, 10

קריעג און פריעדען, אין דיעזען בוך ווערט געשילדערט דער בלוטיגער יאהר 1812, ווען נאפאלעאן האט איינגענומען גאנץ אייראפא, די מפלה פון דעם גרויסען קריעגס העלד אין מאסקווא, און די גאנצע פאליטיק פון אייראפא צו יענער צייט, דאס איז דער גרעסטער און בעסטער ראמאן וואס גראף טאלסטאי האט געשריעבען, 50

תחית המתים, א שילדערונג, ווי איין אלטער בעל־עברה'ניק ווערט א בעל תשובה, און וויל גוט מאכען זיינע אלטע חטאים, 15

עמיל זאלא׳ס קלאסישע ווערקע

בעארבייטעט אין אידיש פון

ר. מ. הערמאלין און אנדערע בעריהמטע אידישע שרייבער.

בלוטיגע חתונה, אדער די שלאכט ביי דער מיהל, א מייסטערהאפטע שילדערונג איבער די שרעקליכקייטען פון א מלחמה, 10

א גלח׳ס זינד, א שילדערונג איבער די העכסטע ליעבעס־געפיהל אין דעם קאמפף מיט די פינסטערע געדאנקען, 10

די דארפס־מיידעל, א רעאליסטישע שילדערונג איבער מעדכען־אונשולד און מענער פערדארבענהייט, 10

דער ווייבערשער גן־עדן, דאס איז א בוך וואס האט געמאכט דעם גרעסטען סענזאציאן אין אללע וועלט־שפראכען און איז פערקויפט געווארען אין די הונדערט־טויזענדע עקזעמפליארען, 25

זשערמינאל אדער נאנאנס ברודער, אין דיעזען בוך ווערט געשילדערט נאטור־טרייא דאס לעבען און ווירקען פון דער ארבייטער־קלאסע און דער קאמפף פיר זייער עקזיסטענץ, דאס איז דער גרעסטער און בעסטער ראמאן וואס עמיל זאלא האט אויפגעשריעבען, 40

טויט שלעגער, אדער נאנאס מוטער, אין דיעזען בוך ווערט געשילדערט ווי אזוי „נאנא", וועלכע איז געוועז איין איינפאכע מיידעל פון פראסטע עלטערן, איז געקומען צו דער שטופע פון א בלענדענדער וועלט־דאמע, 30

די ליעבעס נאכט, דיעזער בוך דעקט אפ דעם שלייער פון די פרומע נשמות פון דער אריסטאקראטיע און צייגט אונז ווי אונטער דער מאסקע פון רעליגיאן ליעגט בעהאלטען א וועלט מיט שמוץ, אויסגעלאסענהייט און פערדארבענהייט, 10

לעבען און טויט, א שילדערונג איבער די געפיהלע פון היהנערפלעט און ווי עס שמעקט בעגראבען צו ווערען לעבעדיגערהייט, 10

די מענשליכע בעסטיעס, אין דיעזען בוך צייגט אונז עמיל זאלא די בעסטיע אין מענשען־געשטאלט, די בלוט בעפלעק...

הענד פון פראנקרייך׳ס פאלק און די מיט שמוטץ און עקעלהאפטע מאסקע וואס פראנקרייך׳ס גרויסע לייטע טראגען. 15

נאנא, א שילדערונג פון א געפאלענע פרויענצימער, וועלכע מאכט דורך אללע שטופען פון אן אויסגעלאסענעם לעבען, אנגעפאנגען פון אן איינפאכע שטראסען מיידעל ביז א בלענדענדע וועלט־דאמע, פיר וועלכע פירסטען, פרינצען, גראפען און באנקירען פאלען צו די פיס ווען זיי קומען מיט איהר אין בעריהרונג, 35

נאנטאס אדער דער געקויפטער מאן, א שילדערונג ווי אזוי א יונגע און וואונדערשעהנע מעדכען איז געפאלען צו דער געמיינהייט פון א פערפיהרער, 10

פערגיפטעטער קום, א שילדערונג וועלכע איז אינטערעסאנט, שפאנענד און ריהרענד און ווערט גערעכענט פיר איינע פון די בעסטע ווערק וואס זאלא האט געשריעבען, 25

די פאריזער דאמען, אין דיעזען בוך עפענט עמיל זאלא די אויגען פון פיעלע דומע מענער, וואס בעהויפטען, אז אונטער טויזענד פרויען גיבט קיין איינציגע א רעכטע, צו זעהן גראדע דעם געגענטהייל, אז אונטער טויזענד פרויען קען מען געפינען א סך רעכטע, ווערענד אונטער טויזענד מענער קען מען ניט געפינען קיין איינציגען א רעכטען, 10

פון חופה צום קבר, אין דיעזען בוך ווערט בעשריעבען די גרויסע וועלט שטאדט פאריז אין איהרע ריכטיגע פארבען, די דונקעלסטע פלעטצער, ווי אויך די רייכסטע סאלאנען וואו די שטאלצע אריסטאקראטען, מיט זייער גאנצער פערדארבענהייט, טהוען אפ די שענדליכסטע גוואלד טהאטען, 10

פרויען־ליעבע, א שילדערונג איבער די געפיהלע פון א פרויענצימער און די אנציהונגען צו איהר מאן, וועלכע אונטערליעגען מערקווירדיגע וועקסלונגען. דער געניאלער עמיל זאלא בעווייזט ווי אזוי א פרויענצימער איז אימשטאנדע צו ליעבען ניט נור איין מאן, עס איז אונגעפעהר א בילד פון פאליאנדריע, (פיעל מענערי), גראדע ווי עס איז אין פאליגאמיע (פיעל ווייבעריי), 10